Heb Gy 32
Tsetkin

№ 33

פערלאג „די וועלט" ווילנא.

# די פרוי און איהר עקאנאמישע לאגע

פון קלארא צעטקין.

איבערזעצט פון דייטש.

פרייז 10 קאפ.

ווילנא.

דרוקעריי פון וויטווע עט געבר. ראם.

1907.

פערלאג די וועלט.

# קלאַרע צעטקין

## די פֿרוי און איהר עקאָנאָמישע לאַגע.

איבערזעצט פון דייטש

КЛАРЕ ЦЕТКИНЪ

ДИ ФРАУ УНДЪ ИРЪ ЭКОНОМИШЕ ЛАГЕ

т. е.

*Женщина и ея экономическое положеніе.*

Переводъ съ нѣмецкаго.

# קלארע צעטקין.

## די פרוי און איהר עקאנאמישע לאגע.

2-ое стереотипное изданіе. Перепечатано съ 1-аго изданія дозволеннаго цензурою, Вильна 15 Февраля. 1906 года.

**ВИЛЬНА.** Типографія «Вдова и бр. Роммъ».
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1-2.

I.

# די פערענדערונג אין דער ווירטשאפטליכער לאגע פון דער פרוי.

אויסער די צייטען און אויסער די פעלקער, וואו די פרוי האט געהאט דאס „מוטער־רעכט“, ד. ה. ווען זי האט געהאט די גאנצע דעה אויף די קינדער, אויף די ירושה, אויף דאס פערמעגען א. ז. וו. ווען זי האט דעריבער געהאט א גרויסע מאכט אין דעם גאנצען דאמאלסדיגען לעבען — אויסער די דאזיגע צייטען, איז די פרוי שטענדיג געווען אין א אונטערדריקטע לאגע, ווי עפעס א מענש פון א קלערנערע שטופע, עפעס ווי א נידריגערע בעשעפעניש. דער עגאאיזם פון דעם מאן, די גראבע געוואלד פון דעם שטארקערען האבען געשמידט די פרוי און איהר גאנצע ענטוויקלונג אין אייזערנע קייטען, וועלכע די פאלשקייט האט געזוכט צו פערגאלדען מיט שענע פאעטישע פוסטע פראזען וועגען דעם „ווערטה פון דער הויז פרוי“, וועגען דער רייכקייט פון איהר אינערן לעבען,

די לאגע פון דער פרוי, אזוי ווי די לאגע פון דער ארבייטער מאסע, איז געווען אלע מאל אבהענגיג און רעכטלאז. די גריכישע און רוימישע „מאטראנע“, ד. ה. די אריסטאקראטישע פרוי, וועלכער מען האט אבגעגעבען גרויס כבוד, האט אין אמת'ן געהאט די זעלבע פפליכטען און רעכטען ווי די הויזשקלאפין פון די אור־אלטע צייטען. די לאגע פון דער „ליעבער מאדאם“ פון דער גוטער פרומער הויז-פרוי איז אין דער צייט פון מיטעלאלטער כמעט גאר נישט געווען אונטערשיידעט פון דער לאגע פון איהרע ליבאייגענע דיענסטען, די לאגע פון דער איצטיגער פרוי איז גאר נישט בעסער, אין פיעלע הינזיכטען נאך ערגער, אלס די לאגע פון דעם איצטיגען לויהן־ארבייטער. זי איז אויך, אזוי ווי ער, אונטערדריקט און

און עקספּלואַטירט, אין פֿיעל זאַכען צווייפֿאַך עקספּלואַטירט, און צווייפֿאַך אונטערדריקט.

און דאָס קען גאָר אַנדערשט נישט זיין, ווייל די לאַגע פֿון דער פֿרוי שטאַמט נישט פֿון געוויסע אידעען, וועלכע גילטען אייביג, אָדער פֿון אונפֿערענדערליכע פֿפֿליכטען, צו וועלכע די פֿרוי איז שוין פֿון דער נאַטור בעשטימט, און וועלכע דער סענטימענטאַלער עגאָאיזם האָט אויסגעטראַכט, זאָנדערן זי שטאַמט פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿטליכער אָרדנונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען פֿון אַ געוויסער צייט. אָט די בעדינגונגען פֿון דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט, וועלכע האָבען אַוועקגעשטעלט דער פֿרוי אין אַ בעשטימטע לאַגע אין פֿערשידענע צייטען פֿון דער געשיכטע, האָבען שוין פֿון זיך ממילא בעשאַפֿען געוויסע אידעען וועגען די ראָלע פֿון די פֿרויען אין דער געזעלשאַפֿט: אידעען, וועלכע האָבען פּראָסט געהאַט דעם צוועק צו פֿערשענערן דאָס, וואָס עקזיסטירט אין לעבען, צו בעווייזען אַז דאָס מוז אייביג אַזוי בלייבען און איינצוהאַלטען עס אויך אויף ווייטער צוליעב דעם נוצען פֿון די, וועלכע זענען פֿעראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פֿון דער הערשענדער אָרדנונג.

די נידריגע געזעלשאַפֿטליכע לאַגע פֿון דער פֿרוי שטאַמט פֿון דער צייט, ווען דער פּראָפֿעסיאָנעלער קריעג־פֿיהרער האָט געמאַכט זיין גערויבטע ווייב פֿאַר זיין ערשטעס פּריוואַט־אייגענטהום, פֿאַר זיין בעסטען אַרבייטס־אינסטרומענט, פֿאַר זיין הויפּט פּראָדוקציאָנס־קראַפֿט; ווען דער מאַן — אום בלומרשט צו שיטצען די פֿרוי אין דער צייט, ווען זי איז שוואַנגער און ווען זי זויגט דאָס קינד — האָט אויף זיך אַליין איבערגענומען די זאָרגען וועגען איהר גאַנצע עקזיסטענץ, וועגען אַלץ וואָס



עס איז נאָר שייך צום אַרומיגען לעבען. דערמיט האָט דער מאַן בעשאַפֿען די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטליכע אָבהענגיגקייט פֿון דער פֿרוי, דאָס איז אויך געווען דער גרונד, וועלכער האָט געפֿיהרט צו די ערשטע אַרבייטס־פֿערטהיילונג אין דער פֿאַמיליע צווישען מאַן און פֿרוי. די אַרבייט פֿון מאַן איז בעשטאַנען אין דעם צו שיטצען איהר פֿון דעם אַרומיגען פֿיינד, אין דעם, וואָס דער מאַן איז געגאַנגען אין קריג צו בעקומען לעבענסמיטעל פֿאַר דער פֿאַמיליע. ער האָט געהאַט זיין אַרבייט אויסערען הויז און די פֿרוי האָט געטהאָן אַלע אַרבייטען אין הויז גופא און האָט נאָר געדאַרפֿט היטען און פֿערמעהרען דאָס, וואָס דער מאַן האָט געבראַכט. דאָס איז געווען דער פֿונדאַמענט פֿון דער פֿאָראורטהייל, וואָס האָט שוין אייגענטליך לאַנג אָבגעלעבט, נאָר איז זעהר טיעף איינגעוואָרצעלט, אַז „די וועלט איז דאָס הויז פֿאַר דעם מאַן, דאָס הויז איז די וועלט פֿאַר די פֿרוי".

די רעליגיאָן און דער מנהג האָבען נישט לאַנג געוואַרט און האָבען באַלד אַוועקגעלייגט זייער היילינגען שטעמפּעל, אַז דאָס רעכט, וואָס איז בעשאַפֿען געוואָרען דורך געוואַלד, איז אַ אייביגע זאַך. די שוואַכקייט און די אָבגעשטאַנענהייט פֿון דער פֿרוי, איז געוואָרען אין פֿערלויף פֿון הונדערטע יאָהרען אַ געזעלשאַפֿטליכע דאָגמאַ, אַ תורת משה, אויף וועלכע מען האָט אויפֿגעבויט אַ גאַנצע סיסטעם פֿון קערפּערליכע, גייסטיגע און מאָראַלישע אונטערדריקונג. דאָס קריסטענטהום האָט אויך געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע אין דער פֿערקנעכטונג און אונטערדריקונג פֿון דער פֿרוי. די אַלטע פֿערשימעלטע באָבע־מעשה, אַז דורך חוה'ן איז די וועלט זינדיג געוואָרען; די לעהרע, אַז דער מענש דאַרף זיין אַנ'אַסקעט (נזיר), אָבזאָגען זיך פֿון אַלערלייא פֿערגעניגען, אַז די פֿרוי איז אַ זינדיגע בעשעפֿעניש, דער שטאַרקסטער שטן אויף דער וועלט וואָס לאָזט נישט זיין פֿרום און גאָטספֿירכטיז, דאָס אַלץ האָט נאָך

מעהר פֿערשטאַרקט די מיינונג, ווי קליין און נידריג עס איז דער ווערטה פֿון דער פֿרוי און דעריבער מוז זי אויך זיין געהאָרכזאַם און אונטערטהעניג דעם מאַן.

אַזוי ווי נאָך דעם טעאָלאָגישען בעגריף פֿון דער וועלט (ד. ה. דער בעגריף וועלכער ערקלערט אַז אַלץ אויף דער וועלט איז בעשאַפֿען און עקזיסטירט צוליעב אַ געוויסען צוועק) איז דער אָקס בעשאַפֿען געוואָרען נאָר צוליעב דעם, אַז דער מענש זאָל קענען עסען ביפֿשטעקס און טראָגען פֿון רינדערנע פֿעל שטיוועל, אַזוי האָט דער גרעסטער טהייל פֿילאָזאָפֿען און געזעצגעבער נישט געפֿונען קיין אַנדערן צוועק פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון דער פֿרוי און איהר ראָלע אין לעבען, ווי צו זיין אַ ציערונג פֿאַר דעם מענשען, ד. ה. פֿאַר דעם מאַן, פֿאָרטצוזעטצען דעם מענשליכען געשלעכט און צו טהאָן הויזליכע שקלאַפֿען אַרבייט.

די פֿרוי האָט אין איהר גאַנצער ענטוויקלונג געהאַט נור די איינציגע שטרעבונג, דעם איינציגען ציעל — צו אַרבייטען פֿאַר דער פֿאַמיליע אין הויז גופא אונטער דעם שוטץ און פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿון דעם מאַן.

אויף דעם אָרט, ענג בעגרענצט, איז די פֿרוי געווען די וויכטיגסטע פּראָדוקטיוו-קראַפֿט, זי איז געווען פֿערוואָרפֿען מיט אַרבייט, וואָס איז נויטיג פֿאַר די ערהאַלטונג און ענטוויקלונג פֿון דער פֿאַמיליע; דער אָרט, וועלכען זי האָט פֿערנומען אין הויז, האָט איהר געגעבען מעהר נישט ווי פּפֿליכטען, אָבער נישט קיין רעכטען. דער מאַן איז געווען, ווי עס רעדט זיך, דער אונטערנעהמער אין דער פֿאַמיליע, און ער האָט עקספּלואַטירט די אַרבייטס-קראַפֿט פֿון דער פֿרוי, געבענדיג איהר דערפֿאַר חיונה, צייט זי לעבט.

זאָ לאַנג אין דער פּראָדוקציאָן האָבען געהערשט די אַלטע, נישט פֿאָלקאָמענע אַרבייטס-מיטלען, האָט די פֿרוי נישט געקענט פֿערברייטערען איהר טהעטיגקייט. די



איינפֿאַכע פּרימיטיווע, פֿאַרצייטיגע אַרבייטס-טהיילונג האָט איהר צוגעשמידט צום הויז און, צוליעב דעם ווי די פּראָדוקציאָן האָט זיך געפֿיהרט אין הויז, האָט זי דאָרטען געמוזט בלייבען צוגעשמידט. די אַלטע פּראָדוקציאָן האָט געפֿאָדערט אַזוי פֿיעל מיה און צייט אויסצואַרבייטען וואָס עס איז, אַז די נויטיגסטע לעבענס-מיטלען פֿאַר דער פֿאַמיליע האָבען צוגענומען די גאַנצע צייט און קראַפֿט פֿון דער פֿרוי. און דעם כבוד: וועלכען מען האָט אָבגעגעבען דער גוטער הויז-פֿרוי, זאָגאַר זי האָט נישט געהאַט קיין שום רעכטען אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען, איז אויך נישט נאָר צוליעב איהר אַליין, נאָר צוליעב אַ ריין עקאָנאָמישען גרונד; ווייל זי איז געווען די בעסטע אַרבייטס-קראַפֿט אין דער פֿאַמיליע, אָהן וועלכער מען האָט זיך נישט געקענט בעגעהן און זי האָט פּראָדוצירט אַזעלכע זאַכען, וועלכע אַנדערע קרעפֿטען האָבען דאַמאָלס נישט געקענט שאַפֿען.

אָט אין די לעצטע בעדינגונגען, וועלכע מיר האָבען דאָ דערמאָהנט, ליעגט דער הויפּט אונטערשיעד צווישען דער ראָלע פֿון דער אַמאָליגער און דער איצטיגער הויז-פֿרוי. די ראָלע פֿון דער אַמאָליגער פֿרוי איז געווען בעשטימט דורך די אַלטע עקאָנאָמישע לעבענס-בעדינגונגען, די ראָלע פֿון דער איצטיגער פֿרוי איז אָבער שוין לאַנג געקומען אין ווידערשפּרוך מיט דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, ווייל די פֿערענדערונג פֿון דער פּראָדוקציאָנס-פֿאָרם פֿאָדערט פֿאַר דעם מאַן און פֿאַר דער פֿרוי גאַנץ אַנדערע ראָלען סיי אין ווירטהשאַפֿטליכען, סיי אין פֿאַמיליען לעבען.

דאָס, וואָס די פֿרוי האָט מיט איהר אייגענע קראַפֿט געמוזט פּראָדוצירען אין דער פֿאַמיליע די אַלע נויטיגע זאַכען פֿאַר דעם אייגענעם געברויך, איז די אורזאַכע פֿאַר וואָס אין יענער צייט איז ניט געווען קיין פֿרויען-פֿראַגע און פֿאַר וואָס דאָס האָט גאָר ניט געקענט זיין. ווי לאַנג עס זענען פֿערבליבען די אַלטע פּראָדוקציאָנס-

בעדינגונגען. עס האָט געקענט געוועהנליך פֿריהער זיין די פֿראַגע ווי צו פֿערבעסערען אין דעם אָדער יענעם זינגען די לאַגע פֿון דער פֿרוי, אָבער די פֿרויען־פֿראַגע אין דעם איצטיגען זינען, די פֿראַגע ווי גרינדליך אומצובייטען די גאַנצע לאַגע פֿון דער פֿרוי, האָט גאָר ניט געקענט עקזיסטירען, וויל דאָס וואָלט געוועזן פֿערבונדען מיט אַ גאַנצער איבערקעהרונג אין דעם דאַמאָלסדיגען לעבען, אין דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער „קולטור". די פֿרויען־פֿראַגע איז, ווי די איצטיגע אַרבייטער־פֿראַגע, פֿיעל מעהר אַ קינד פֿון דער אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך אַזוי פֿערענדערט דורך דעם, וואָס מען האָט אָנגעווענדט טעכנישע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דאַמפּף־קראַפֿט און עלעקטריציטעט; אַ קינד פֿון דער גרויס־פּראָדוקציאָן. זי איז נישט קיין פּאָליטישע און קיין מאָראַלישע פֿראַגע (זאָגאַר זי האָט אַ שייכות צו מאָראַל און פּאָליטיק), זי איז אַ עקאָנאָמישע פֿראַגע.

די פֿרוי האָט געמוזט ווי אַ הויזשקלאַפֿין בלייבען צוגעשמידט צו איהר אַלטען אָרט. דער געדאַנק צו בעפֿרייען זיך האָט איהר גאָר ניט געקענט איינפֿאַלען. די מאַשין איז אָבער געקומען און האָט איהר געבראַכט די ישועה. מיט דעם קלאַפּען און האַקען פֿון איהרע רעדער האָט זי געבראַכט דער פֿרוי די גוטע בשורה, אַז עס איז שוין געקומען די צייט זי זאָל ווערען אַ פֿרייער זעלבסט־שטענדיגער מענש אין דעם עקאָנאָמישען לעבען. אין דעם ערך, ווי די נייע אינדוסטריע האָט זיך ענטוויקעלט, ווי זי האָט דורך דאַמפּף און מעכאַניק געמאַכט די פּראָדוקציאָן לייכטער, גיכער, בעסער, און די פּראָדוקטען ביליגער, האָט די פֿרוי געמוזט פֿערלירען איין צווייג נאָך דעם אַנדערן פֿון איהר אַלטע פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט אין הויז.

אַ טריט נאָך אַ טריט האָט די פֿאַמיליען־אינדוסטריע פֿון דער פֿרוי צוזאַמען מיט דער הויז־און קליין־אינדוסטריע גע־



מוזט אונטערגעהן. די גרויס פּראָדוקציאָן האָט געשאַפֿען אַלע געברויכס־אַרטיקלען, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט פֿאַר'ן הויז, צו אַזעלכע ביליגע פּרייזען, אַז אויסצואַרבייטען דיזעלבע אין דער פֿאַמיליע מיט די אַלטע שלעכטע ווערקצייג וואָלט געווען מעהר נישט, ווי אַ שאָדען צו פֿערלירען צייט און קראַפֿט. די ראָלע פֿון דער הויז־פֿרוי, פֿון דער גוטער אַלטער שענער צייט, האָט דורך דעם אין גאַנצען פֿערלאָרען איהר פֿריהערדיגען עקאָנאָמישען גרונד און בעדייטונג. די „אַלטע גוטע הויז־פֿרוי", וועלכע שאַפֿט פּראָדוקטען פֿאַר דאָס הויז, וועלכע מאַכט זייף, ציהט ליכט, שפּינט, וועבט, פֿאַרבט, נעהט, שטריקט, העפֿט, באַקט און שערט, אָט אַזאַ עקאָנאָמישע ערשיינונג ווערט אַלץ מעהר זעלטען אין דער קולטור־געשיכטע. טעקסטיל־אינדוסטריע און די קליידער געשעפֿטען בעזאָרגען אַלע קליידער־זאַכען, די גרויסע קאָנסום־געשעפֿטען (עסענוואַרג געשעפֿטען) האָבען בעפֿרייט די פֿרוי פֿון צו מאַכען און צוצוגרייטען פֿערשידענע עסענוואַרגען, ווי צום ביישפּיעל: פֿרוכטען און גרינס, געזאַלצענע פֿלייש א. ז. וו. די דיינטיגע אינדוסטריע שטעלט צו אַלע געברויכס־פּראָדוקטען אָפֿט נאָך אַ סך ביליגער ווי עס קאָסט דער פֿרוי נאָר דער רויער מאַטעריאַל אַליין, שוין ניט רעכענענדיג די צייט און קראַפֿט, וועלכע די פֿערפֿערטיגונג פֿון פּראָדוקט פֿאָדערט. דאָס וואַשען און פּלעטען פֿון וועש איז געוואָרען דורך מאַשינען אין די הענד פֿון ספּעציאַליסטען מעהר אָדער ווייניגער אַ גרויסע אינדוסטריע, און די וויטערע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג געהט דערצו, אַז אַפֿילו די אַרבייט צו קאָכען און צו מאַכען אַלע איבריגע עסען־פּראָדוקטען זאָל אַריבערגעטראָגען ווערען פֿון דער פֿאַמיליע צו דער געזעלשאַפֿט.

פֿיעלע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע זענען פֿאַר הונדערט יאָהרען נאָך גאָר נישט געווען בעקאַנט, אַ גרויסע צאָהל מעכאַנישע ווערקצייג האָבען שוין צוגענומען, אָדער קענען צום ווייניגסטענס צונעהמען פֿון דער פֿרוי אַ גרויסען טהייל פֿון

איהר קיך־אַרבײַט, און די אײַנפֿיהרונג פֿון אַלגעמײַנע דאַמפֿ־קיכֿען, צענטראַל־הײַצונג און צענטראַל־בעלײַכֿטונג ווערט אין גאַנצען, ווי עס הויבט זיך שוין אָן, *בעפֿרײַען* די פֿרוי פֿון קאָך־טאָפּ.

די ענטוויקלונג פֿון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען האָט אויף אַזאַ אַרט צערשטערט דעם עקאָנאָמישען פֿונדאַמענט פֿון דער ראָלע פֿון דער פֿרוי אין דער פֿאַמיליע; אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט זי אויך בעשאַפֿען בעדינגונגען פֿאַר איהרע טהעטיגקײַט אין דער געזעלשאַפֿט, דאָרט אויף דעם „מאַרק פֿון לעבען".

איצט, ווען דאָס הויז האָט פֿערלאָרען איהר פֿריהערדיגען רײַכֿען אינהאַלט און אינטערעס, פֿערווענדעט די פֿרוי פֿון דער בורזשואַזיע איהר פֿרײַ געוואָרענע צײַט כמעט אין גאַנצען אויף לוסטיגקײַט, פֿערגניגען און אויך אויסנאַהמס־ווײַזע אויף ערנסטע גײַסטיגע בעשעפֿטיגונגען, אויף גרינדליכֿע בילדונג און אויף שפּיעלען אין וואָהלטהעטיגקײַט. אין אַלגעמײַן שפּיעלט זי אין געזעלשאַפֿטליכֿען לעבען, זײַט עס זענען פֿאָרגעקומען די גרויסע איבערקעהרעניש אין די עקאָנאָמישע בעדינגונגען, די ראָלע פֿון אַ לוקסוס־אַרטיקעל, פֿון אַ צאַצקע. די פֿרויען און טעכֿטער *פֿון מיטעלען שטאַנד* האָבען געמוזט דורך די פֿערענדערונג פֿון זײַערע אַלטע לעבענס־בעדינגונגען זוכֿען זיך אַ פֿערדינסט; זיי האָבען זיך געוואָרפֿען אויף די זאָגענאַנטע ליבעראַלע פּראָפֿעסיאָנען (לעהרנען מיט קינדער, נײַרום געהן אַרום קראַנקע א.ז.וו.) און אויף יענע אינדוסטריע־צווײַגען, וועלכֿע זענען פֿערבונדען מיט קונסט. נישט דער דורשט צו וויסענשאַפֿט, נישט דאָס, וואָס בײַ די בלינדע האָט זיך פֿלוצלונג געעפֿענט די אויגען אײַנצוזעהען, אַז די פֿרוי דאַרף האָבען די גלײַכֿע גײַסטיגע רעכֿטען ווי דער מאַן, האָט אַרויסגערופֿען אָט די בילדונגס־בעוועגונג פֿון די פֿרויען; דאָס זענען געווען אין אמת'ן די נײַע עקאָנאָמישע בעדינגונגען,



וועלכֿע האָבען איהר דערצו געטריבען, די *פֿראַגע וועגען אַ שטיקעל ברויט*, וועלכֿע זי האָט זיך געמוזט בעזאָרגען אין דעם פֿאַל, ווען זי וועט ניט קענען חתונה האָבען, און לעבען פֿון מאַנס פֿערדיענסט, די בילדונגס־בעוועגונג האָט זיך ענטוויקעלט אַ טריט נאָך אַ טריט צוזאַמען מיט דעם אונטערגאַנג פֿון דעם מיטעלשטאַנד.

דער פֿרוי פֿון דער ברײַטער מאַסע, דער פֿרוי פֿון אָרעמען קלאַס, האָבען דיזעלבע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וועלכֿע האָבען צערשטערט די פֿריהערדיגע טהעטיגקײַט פֿון דער פֿרוי, געצוואונגען אַרויסצוטרעטען אויף אַ נײַעם פֿעלד. אויף דעם פֿעלד פֿון דער אינדוסטריע און דערמיט איז די אַרבײַט פֿון דער פֿרוי אין גאַנצען אַריבערגעגאַנגען פֿון הויז צו דער געזעלשאַפֿט.

* *
*

פֿון אָנהויב האָבען די פֿערהעלטניסמעסיג גרעסערע פֿערדיענסטען און גרינגערע אַרבײַט, געצויגען די פֿרוי אין פֿאַבריק, אָבער באַלד האָט איהר דער נויט און דער הונגער אַרײַנגעוואָרפֿען אין רעכֿטען מיטען פֿון דעם אינדוסטריעלען לעבען און האָט איהר דאָרטען צוגעבונדען.

יעדע נײַע ערפֿינדונג, יעדע פֿערבעסערונג אין דער אינדוסטריע, וואָס די וויסענשאַפֿט און די ענטוויקלונג פֿון דער טעכֿניק האָבען מיט זיך געבראַכֿט, האָט פֿון אײן זײַט אַלץ לײַכֿטער געמאַכֿט די אַרבײַט, אַז אַפֿילו די שוואַכֿע פֿרוי האָט זיך אויך געקענט דערמיט בעשעפֿטיגען, פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי געמאַכֿט פֿיעל מענשליכֿע אַרבײַטס־קראַפֿט גאָר פֿאַר איבעריג, זי האָט געשאַפֿען אַ אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמעע, אַן אַרמעע פֿון אַרבײַטסלאָזע און דערמיט האָט זי אַלץ טיעפֿער אַרונטערגעדריקט דעם אַרבײַטערס שכירות. די שכירות פֿון דעם מאַן האָט שוין יעצט ניט געקלעקט אויף אויסצוהאַלטען

די פֿאַמיליע. פֿון אַ פֿערשפּאַרערקע איז זי געוואָרען אַ פֿערדינערקע. אָבער דערמיט האָט זי בעקומען די מעגליכקייט זיך אַליין, אויך אָהן דעם מאַן, צו ערנעהרען און אָנצוהויבען דעם ערשטען מאָל פֿיהרען אין גאַנצען אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען.

די נייע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען האָבען צערשטערט נישט נאָר אַליין דעם פֿריהערדיגען עקאָנאָמישען פֿונדאַמענט פֿון דער טהעטיגקייט פֿון דער פֿרוי אין דער פֿאַמיליע, נאָר זיי האָבען צו דערזעלבער צייט אויך פֿערענדערט די געזעלשאַפֿטליכע ראָלע, וועלכע די פֿרוי האָט פֿריהער געשפּיעלט, און אין גאַנצען צערשטערט די אַלטע פֿאַמיליע, וועלכע איז געוועזען נעגרינדעט אויף די הערשאַפֿט פֿון דעם מאַן. אַזוי לאַנג ווי די פֿרוי האָט זיך בעשעפֿטיגט נאָר מיט הויזאַרבייט, האָט איהר טהעטיגקייט פֿעסט צוזאַמענגעבונדען די פֿאַמיליע, אָבער ווי נאָר איהר טהעטיגקייט איז אַריבערגעגאַנגען אין פֿאַבריק, איז דאָס עקזיסטירענדע פֿאַמיליען-לעבען צערשטערט געוואָרען; אָבער דאָס איז אויך געוועזען דער ערשטער שטיין אין דעם נייעם פֿונדאַמענט פֿון איהר עקאָנאָמישער אונאַבהענגיגקייט און דעריבער אויך פֿון איהר פֿאָלשטענדיגער בעפֿרייאונג.

ווי אַלע מאָל, זענען אויך אין דעם פֿאַל די אידעען פֿון די מענשען און די געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען אָבגעשטאַנען און געבליבען הינטער די נייע עקאָנאָמישע בעדינגונגען. די רעוואָלוציאָן, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין דער עקאָנאָמישער ראָלע פֿון דער פֿרוי, איז שוין אַ פֿאַקט. די רעוואָלוציאָן אין דער פּאָליטישער און דער רעכטליכער לאַגע פֿון דער פֿרוי, דאָס קומט נאָך ערשט שפּעטער. די פֿרוי, וועלכע איז דורך די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען געוואָרען עקאָנאָמיש אונאַבהענגיג פֿון דעם מאַן, האָט נאָך נישט קיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע רעכטען און איז אין גאַנצען אונטער דעם מאַנס פֿאָרמונדשאַפֿט (אָפּעקאַ). די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער אינדו-



סטריע איז געגאַנגען אויף דעם זעלבען וועג ווי פֿריהער. יעדע פֿערבעסערונג אין די פּראָדוקציאָנס-מיטלען האָט אָבגעריסען טויזענדע פֿרויען פֿון זייער הויז און האָט זיי אויך געבראַכט אין דער אינדוסטריע. די פֿרוי האָט שוין מעהר נישט פּראָדוצירט פֿאַר דעם געברויך פֿון איהר פֿאַמיליע נאָר פֿאַר דעם געזעלשאַפֿטליכען מאַרק.

די אינדוסטריעלע פֿרויען-אַרבייט איז שנעל געוואָרען אַ מעכטיגע עקאָנאָמישע קראַפֿט, מיט וועלכער דער קאַפּיטאַליסט האָט זיך זעהר גערעכענט. שוין דורך דעם אַליין, וואָס די פֿרוי האָט אָנגעהויבען צו פֿערקויפֿען איהר אַרבייטס-קראַפֿט האָט דער אָנבאָט פֿון אַרבייטס-הענד געמוזט אַריבערשטייגען די נאָכפֿראַגע אויף זיי, און דעריבער האָבען די שכירות געמוזט פֿאַלען. דאָפּעלט און דרייפֿאַך האָבען די שכירות אָבער געמוזט זינקען איבער די פֿרויען קאָנקורענץ, ווייל די פֿרוי האָט מעהרסטענטהייל פֿערקויפֿט איהר אַרבייטס-קראַפֿט אַ סך ביליגער. די אורזאַכע דערפֿון איז געוועזען די, וואָס מען האָט אין אַלגעמיין געלעגט — און מען האָט געמוזט לעגען — אַ קליינע ווערטה אויף איהרע ביזהעריגע אַרבייט, ווייל די פּראָדוקטען, וואָס זי האָט אויסגעאַרבייט אין הויז האָבען געהאַט אַ קליינע ווערטה אין פֿערגלייך מיט די פּראָדוקטען פֿון דער גרויס אינדוסטריע און דעריבער האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אַרבייט פֿון דער פֿרוי איז אַ סך וועניגער פּראָדוקטיוו ווי די אַרבייט פֿון דעם מאַן. די ווייטערע אורזאַכע איז געוועזען די, וואָס איהרע בעדערפֿנישען זענען געוועזען גאָר קליינע, וואָס זי האָט געוועהנליך נישט געדאַרפֿט מיט איהר פֿערדיענסט דעקען די חיונה נאָר אַ טהייל פֿון דעם, און ווידער די אויסזיכט אויף די הייזליכע אַרבייט, וועלכע זי האָט דעריבער ווייטער געקענט פֿיהרען.

אַזוי צו אַזוי האָט זיך אָבער ביסלעכווייז אַרויסגעוויזען, אַז די פֿרוי איז געוואָרען נישט נאָר אַ ביליגע, נאָר אויך אַ

בעקוועמע און געהארכזאמע ארבייטס=קראפט, צוליעב דעם וואס זי האט וועניג פערשטאנען די בעדינגונגען פון איהר נייעם לעבען, וואס דאס געפיהל פון סאלידאריטעט און דאס בעוואוסטזיין זענען געווען ביי איהר זעהר קליין, ווייל זי איז נאך געווען נידערגעשלאגען פון איהר פריהרדיגע קנעכטשאפט. פאר א סך אינדוסטריע=צווייגען און געשעפטען איז נאך די פרוי א חוץ דעם אלעמען געווען א סך פעהיגער און פאסענדער ווי דער מאן.

אויף אזא ארט איז גאר קיין וואונדער נישט, וואס די פרוי, וועלכע האט ביז איצט געהאט אזא קליינע בעדייטונג, איז מיט איין מאל אויפגעשטאנען ווי א קאנקורענטין אין דער אינדוסטריע פאר דעם מאן, אקאנקורענטין, פאר וועלכער מען האט געדארפט און מען דארף אלץ מעהר מורא האבען, וואס וועניגער די מאשין פאדערט די גראבע שטארקע ארבייטס=קראפט, אומעטום וואו מען בעשעפטיגט פרויען אין דער אינדוסטריע, ווערט זייער ארבייט א קללה פאר דעם מאן. זי מאכט קלענער די שכירות. און אמאל טרעפט, אז זי פערטרייבט איהם אין גאנצען פון דעם אינדוסטריע=צווייג. די פרויען=ארבייט ליידט ווידער פאר זיך גופא פון דער קאנקורענץ פון די קינדער=ארבייט. די גאנצע מענשליכע ארבייט צוזאמען האט ווידער אויסצושטעהן א שרעקליכען קאמפף מיט דער מאשין ארבייט. און די פראדוקציאנס=בעדינגונגען מוזען אהן שום רחמנות פיהרען צו אזא רעזולטאט, כל זמן די פראדוקציאן האט דעם צוועק נישט די בעדערפנישען פון די ארבייטער אליין צו בעפרידיגען, נאר אויסצושלאגען מעהר ווערטה, פערדיענסט פאר די איינצעלנע אונטערנעהמער, כל זמן זי עקזיסטירט נישט פאר דעם *געברויך* נאר פאר דעם *פערקויף*, כל זמן זי איז פעראינטערעסירט מעהר נישט ווי אין דעם, וואס ביליגער צו פראדוצירען און וואס טהייערער צו פערקויפען. די איצטיגע פראדוקציאן, וועלכע שטעהט אונטער דער הערשאפט פון



פריוואט=אייגענטהום מוז בענוצען די פרויען=ארבייט געגען די מענער ארבייט, כדי אראבצודריקען די שכירות פון די מענער און אין אלגעמיין פון ארבייט — צוליעב די גרעסערע נוצען פון די קאפיטאליסטען.

נאר ארויסטרעטען צוליעב דעם געגען די פרויען=ארבייט אין דער אינדוסטריע און וועלען איהר צוריק צובינדען צום הויז, וואלט געהייסען האנדלען אויך אזוי נאריש און אומזיסט ווי, צום ביישפיעל, יענע ענגלישע ארבייטער, וועלכע האבען גערעכענט אויף אלע מאל אבצושאפען די קאנקורענץ פון די מאשינען, דורך דעם, וואס זיי האבען צערשטערט די פאבריקען און געבראכען די מאשינען. וועלען אבשאפען די פרויען=ארבייט (א חוץ די ארבייט, וועלכע איז שעדליך פאר דעם געזונד פון דער פרוי און פאר די קומענדע דורות) אדער נישט צו לאזען איהר ארבייטען אין בעשטימטע אינדוסטריע=צווייגען, הייסט דרעהען צוריק די ראד פון אונזער ענטוויקלונג און ארויסווייזען, אז מען פערשטעהט גאר ניט די עקאנאמישע בעדינגונגען. די עקאנאמישע בעדינגונגען קימערען זיך אויף א האר אויך נישט וועגען דעם וואס מיר ווילען; זיי פרעגען נישט אויב דער אדער יענער וויל צוריק איינפיהרען די אלטע אבגעלעבטע צייטען, אז די פרוי זאל זיין ווידער צו געבונדען צום הויז, אז זי זאל זיין ווידער עקאנאמיש אבהענגיג און אין גאנצען פאליטיש און רעכטליך פערקנעכטעט. די פראדוקציאנס=בעדינגונגען ווייסען נישט פון קיינע פוסטע פערזענליכע איבערצייגונגען, זיי האבען צו טהאן גאר מיט עקאנאמישע נויטווענדיגקייטען, וועלכע מען קען נישט איבערמאכען, אזוי גוט ווי מען קען נישט איבערמאכען די נאטור=געזעצען. און אט איבער די נויטווענדיגקייטען, מוז די פרוי, נישט קוקענדיג אויף דעם געשריי און ליארם פון די קליינבירגער, זיך בעשעפטיגען אין דער אינדוסטריע. און נאך מעהר, איהרע אינדוסטריעלע ארבייט מוז זיך מיט יעדען טאג פערברייטען און פערשטארקען. אפי

איבער די עקאָנאָמישע בעדינגונגען קען דער קאַפּיטאַליסט אַזוי וועניג ווי דער מאַן אויסקומען אָהן דער פֿרויען=אַרבייט. וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליסט איז געצוואונגען וואָס ביליגער צו מאַכען זיינע פּראָדוקטען, כדי אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ אויף דעם וועלט=מאַרק און נישט אונטערצוגעהן, וואָס מעהר די אַרבייטס=שכירות פֿאַלט — אַלץ ווייניגער איז אויך דער מאַן אים שטאַנד אַליין צו פֿערזאָרגען די חיונה פֿאַר זיין פֿרוי און קינדער און אַלץ מעהר ווערט דער אינדוסטריעלער פֿערדינסט פֿון דער פֿרוי אַזאַ נויטווענדיגקייט, וועלכע עס איז אונמעגליך אָבצושאַפֿען.

אין אמת'ן אָבער ליגט גאָר נישט אין דער נאַטור פֿון דער פֿרויען=אַרבייט, אַזוי ווי פֿון דער מאַשין=אַרבייט, די טענדענץ צו פֿערקלענערן די שכירות; די „נאַטירליכע טענדענץ", אויב מען קען אַזוי זאָגען, פֿון די דאָזיגע ביידע עקאָנאָמישע קרעפֿטען, איז צו פֿערקלענערן די געזעלשאַפֿטליכע נויטיגע אַרבייט פֿאַר יעדען מענשען.

אין דעם וואָס די שכירות פֿאַלען איז נישט שולדיג די פֿרויען=אַרבייט, נישט די מאַשין=אַרבייט, דאָס איז מעהר נישט ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם איצטיגען עקזיסטירענדען סיסטעם פֿון פּראָדוקציאָן, אויף וועלכען עס האַלט זיך דאָס פּריוואַט=אייגענטהום. אָט די צוויי עקאָנאָמישע קרעפֿטען, די מאַשין=אַרבייט און די פֿרויען=אַרבייט, וועלכע זענען היינט נאָר איבער די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציאָן געוואָרען אַ קללה, אַ מיטעל ווי צו פֿערערגערן די אַרבייטער=לאַגע, וועלען שפּעטער אין דער צוקונפֿט ווערען אַ ברכה, און זיי וועלען זיין די עלעמענטען, פֿון וועלכע מען וועט אויפֿבויען אַ נייע בעסערע אָרדנונג.

אַזוי ווי די מאַשין בעפֿרייט דעם מענשען דורך די לייכטערע און שפּאָרעוודיגע אַרבייט, דורך די פֿערשיעדענע גרויסע צאָהל פּראָדוקטען, און מאַכט מיט דעם מעגליך אַ בעסערע אָרדנונג אין דער געזעלשאַפֿט, אַזוי בויט אויך די פֿרוי מיט



איהר אַרבייט דעם עקאָנאָמישען פֿונדאַמענט, אָהן וועלכען זי וואָלט זיך אין קיין פֿאַל נישט געקענט בעפֿרייען און וואָלט נישט געקענט בעקומען קיין גלייכע רעכט מיט די מענער, די פֿרוי, וועלכע נעהמט אַ גלייכען אַנטהייל מיט דעם מאַן אין דער געזעלשאַפֿטליכער פּראָדוקציאָן, וועלכע קען עקאָנאָמיש שטעהן אויף די אייגענע פֿיס, זיין גאַנץ זעלבסטשטענדיג, מוז אויך פּאָליטיש און רעכטליך זיין גלייך מיט דעם מאַן. עס האַנדעלט זיך דאָ ביי דער לאַגע פֿון דער פֿרוי נישט וועגען דעם צוצופּאַסען דעם איצטיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד צו די פֿערשיעדענע אידעען און געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, וועלכע האָבען זייערע וואָרצלען אין די אַלטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען; דאָ האַנדעלט זיך אַ סך מעהר וועגען דעם, אָט די פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿט צוצופּאַסען צו די נייע עקאָנאָמישע בעדינגונגען; און ווען דאָס וועט מקוים ווערען, ד. ה. ווען דאָס פּריוואַט=אייגענטהום וועט איבערגעהן צו דער געזעלשאַפֿט און די פּראָדוקציאָן וועט ווערען אַ גענאָסענשאַפֿטליכע, וועט אויך ווערען אַ סוף צו דער פֿרויען=פֿראַגע צוזאַמען מיט דער אַרבייטער=פֿראַגע איבערהויפּט. דער קאַמפּף צווישען מאַשין=אַרבייט און מענשען=אַרבייט, צווישען פֿרויען און מענער=אַרבייט וועט דאַן מיט אַ מאָל פֿערשוואונדען ווערען, ווייל עס וועט מעהר נישט זיין קיין קאַמפּף צווישען דעם, ווי די פּראָדוקטען ווערען אויסגעאַרבייט און ווי זיי ווערען צום אייגענטהום. די מאַשין און די פֿרויען=אַרבייט קענען דאַן ערפֿילען זייער אמת'ן נאַטירליכען ציעל, צו פֿערלייכטערן די אַרבייט, וואָס איז נויטיג פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, און צו פֿערקלענערן די אַרבייט פֿון יעדען מענשען אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס קען דערלאָזען דער וואָהלשטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אָבשאַפֿען די פֿרויען=אַרבייט אָדער אַפֿילו נאָר איהר בעגרענצען וואָלט געפֿיהרט דערצו, אַז די פֿרוי זאָל ווידער ווערען אויף לאַנג עקאָנאָמיש אָבהענגיג; זי ווידער

געזעלשאַפֿטליך פֿערקנעכטעט און טרייבען אין די פּראָסטיטוציאָן, דאָס וואָלט אָבער אויך געפֿיהרט דערצו, דעם מאַן מיט דאָפּעלער אַרבייט צו פֿערוואַרפֿען און איהם מאַכען אויף אַזאַ אַרט אַ סך מעהר אָבהענגיג ווי פֿריהער.

דעריבער איז עס טאַקי שווער צו פֿערשטעהן, וואָס די סאָציאַליסטען פֿאָדערן, אֶמת, איצט שוין זעלטענער, אַז מען זאָל אָבשאַפֿען און בעגרענצען די פֿרויען-אַרבייט. דאָס צו פֿערלאַנגען איז נישט אויף אַ האָר וועניגער רעאַקציאָנער, ווי די שטרעבונג צוריק איינצופֿיהרען די צעכען, ראַטעווען די האַנדווערקער, די קליין-אינדוסטריע, דעם מיטעלשטאַנד. אויב מען וויל, אַז די פֿרויען-אַרבייט זאָל איצט נישט זיין שעדליך — אָדער צום קנאַפּסטען וועניגער שעדליך, — דאַרף מען נישט שטעלען די א י נ ט ע ר ע ס ע ן פֿון די פֿרויען און מענער-אַרבייט ווי פֿיינדליכע געגען איינאַנדער, נאָר מען מוז זיי בעטראַכטען ווי איין און דאָס זעלבע, און, ווי אַרבייטער-אינטערעסען אין אַלגעמיין, זיי אַרויסשטעלען געגען די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסען.

פֿון דעם טאָג אָן ווי די פֿרוי האָט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון איהר עקאָנאָמישע אבהענגיגקייט פֿון מאַן, איז זי אונטערגעפֿאַלען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט, זי געפֿינט זיך אַלזאָ עקאָנאָמיש אין דער זעלביגער לאַגע, ווי דער מענליכער אַרבייטער, זי ליידט פֿון די זעלביגע שלעכטע בעדינגונגען ווי ער און זי האָט דעריבער די זעלבע אינטערעסען, די זעלבע פֿאָדערונגען ווי ער. זי איז, צום ביישפּיעל, גאָר נישט פֿעראינטערעסירט אין דעם, צו אַרבייטען פֿאַר די קלענסטע שכירות און אַראָבצוואַרפֿען אויף אַזאַ אַרט די שכירות פֿון די מענער-אַרבייט. פֿערקעהרט, זי איז אויך פֿעראינטערעסירט אין דעם, צו אַרבייטען פֿאַר וואָס העכערע שכירות, כדי אויסצומיידען, אָדער, וועניגסטענס, צו פֿערקלענערען די קאָנקורענץ פֿון די פֿרויען-אַרבייט. וועלכע דריקט אַראָב



די שכירות, דאַרף מען נישט פֿאָדערן אָבצושאַפֿען די פֿרויען-אַרבייט, נאָר כדי זי זאָל נישט ברענגען קיין שאָדען די אינטערעסען פֿון דעם מענליכען פּראָלעטאַריאַט, איז עס זעהר וויכטיג, אַז די א י נ ד ו ס ט ר י ע-אַ ר ב י י ט ע ר י ן זאָל זיך אָרגאַניזירען, זי זאָל זיך עקאָנאָמיש און פּאָליטיש ענטוויקלען, כדי זי זאָל קלאָר פֿערשטעהן די בעדינגונגען און זי זאָל מיט דעם גאַנצען בעוואוסטזיין צושטעהן צו דעם פּראָלעטאַריאַט. ווי וויכטיג און ווי נויטיג אָט דאָס איז, האָט מען ביז דער לעצטער צייט זעהר וועניג פֿערשטאַנען.

די אָרגאַניזאַציאָן און די ענטוויקלונג פֿון די אַרבייטערינען, דער קאַמפּף פֿאַר איהר עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייט, איז נישט נאָר נויטיג פֿאַר די סאָציאַליסטישע בעוועגונג, נאָר דאָס איז און ווערט אַלץ מעהר אַ ל ע ב ע נ ס-פֿ ר אַ ג ע פֿאַר איהר, וואָס מעהר די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע שטופּט אַרויס דעם מאַן פֿון דער פּראָדוקציאָן און וואָס גרעסער עס ווערט די אַרמעע פֿון דעם ווייבליכען פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַליסטישע בעוועגונג, אין וועלכער עס נעמט אַנ'אַנטהייל נישט נאָר דער מענליכער פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך די מיליאָנען פֿרויען, אינדוסטריע-אַרבייטערינען, מוז אין צווייען גיכער פֿיהרען צום זיעג צו די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בעפֿרייאונג פֿון דעם גאַנצען אַרבייטער-קלאַס.

## II.

### די פֿרוי און דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען.

די פֿרוי האָט געקענט אָהן אַ גרויסען שאָדען פֿאַר זיך און פֿאַר דער געזעלשאַפֿט זיין אָבגעטיילט פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען ווי לאַנג די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען צווישען

מענשען זענען געווען וועניג ענטוויקעלט און האבען עקזיסטירט אין א קליינעם ראיאן, ווי לאנג דער מענש און זיין לעבען זענען געווען אבהענגיג נאר פון די נאהענטסטע אורזאכען.

נישט נאר די פרוי, נאר אויך דער מאן האט דאמאלס געמוזט האבען קליינע בעגרענצטע אינטערעסען. אבער אט ביי די קליינע בעגרענצטע אינטערעסען האט אויך די פרוי מעהר אדער וועניגער גענומען אנ'אנטהייל אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען. זי האט געוואוסט פון אלץ, וואס עס האט געקענט האבען א בעדייטונג און א ווירקונג אויפ'ן לעבען פון איהר פאמיליע, אין אנדערע געגענדען האט זי אפילו געהאט א דעה אין די געשעפטען פון גאנצען קהל. די קליינטשיגע אינטערעסען פון קהל, סיי ביי דער פרוי, סיי ביי דעם מאן, זענען געווען צוגעפאסט צו די קליינע פראדוקציאן פאר דעם ארטיגען מארק, צו די קליינע פראדוקציאן פאר דער אייגענער ווירטשאפט.

אבער אזוי ווי די ענטוויקלונג פון די נייע פראדוקציאנס-בעדינגונגען האט אומגעביטען די קליינע ארטיגע עקאנאמישע בעציהונגען פון דער געזעלשאפט אין גרויסע נאציאנאלע און אלגעמיין-מענשליכע, אזוי האט אויך דער כאראקטער פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען זיך געמוזט פערענדערן און צופאסען זיך אט צו דער ענטוויקלונג. די איינצעלנע אינטערעסען פון יעדערן בעזונדער האבען זיך געמוזט צוגיסען אין די אינטערעסען פון דער גאנצער נאציאן, אין דעם נאציאנאליזם, ווי די אינטערעסען פון דער גאנצער נאציאן אליין האבען זיך געמוזט פערשמעלצען מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער וועלט — צום קאסמאפאליטיזם. אזוי ווי דער איינצעלנער מענש האט אויפגעהערט צו פראדוצירען פאר'ן ארטיגען מארק, פראדוצירענדיג פאר דעם וועלט-מארק, האט ער אויך געמוזט אנהויבען צו אינטערעסירען זיך שוין מיט אלע געזעלשאפטליכע בעציהונגען און בעדינגונגען, וועלכע האבען געהאט א בעדייטונג און א ווירקונג אויף דעם וועלט-מארק. ער האט געמוזט זעהן אויף אזוי פיעל צו ווירקען אויף דעם מארק



און אויף די פראדוקציאנס-בעדינגונגען, ווי דאס האבען געפאדערט זיינע אינטערעסען. און דאס ציעל איז דערגרייכט, אויף וויפיעל דאס איז אין אלגעמיין מעגליך אין א געזעלשאפט, וואו עס הערשען קלאסען-געגענזעצע און קאנקורענץ.

די *בורזשואזיע* האט דורך דעם, וואס זי האט אריינגעכאפט די פאליטישע מאכט אין איהרע הענד, בעקומען די מעגליכקייט אויסצונוצען די בעדינגונגען פון דער פראדוקציאן און פון דעם מארק פאר איהרע אינטערעסען.

דער *פראלעטאריאט* איז אפילו אויפ'ן פאפיער פאליטיש אביסעל פריי געווארען, אבער אזוי ווי ער איז עקאנאמיש אבהענגיג, פעהלט איהם די *מאכט* צוצופאסען די בעציהונגען אין דער געזעלשאפט צו זיינע אייגענע אינטערעסען. מיט גענוג פיין און פערדרוס האט די בורזשואזיע געמוזט צולאזען דאס, וואס זי האט נישט געקענט פערוועהרען, ד. ה., אז דער ארבייטער האט צוליעב די בעדינגונגען, אונטער וועלכע ער לעבט, געקריגען א אינטערעס פאר דעם געזעלשאפטליכען לעבען, אז ער האט זיך גענומען בעשעפטיגען מיט סאציאל-פאליטישע פראגען, וועלכע האבען די אדער יענע בעדייטונג אין זיין לעבען, אז ער האט זיך אויסגעארבייט א אייגענע מיינונג וועגען אלע ערשיינונגען און איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט און האט דעריבער געוואלט קריגען א דעה אומעטום, וואו עס האנדעלט זיך וועגען זיינע לעבענס-אינטערעסען, וואו ארבייט איז דער פונדאמענט פון אלץ, וואס עס עקזיסטירט אין דער געזעלשאפט.

געוועהנליך האט מען אנגעווענדט אלע מיטלען, אז דער ארבייטער זאל קריגען א פאלשע מיינונג וועגען די סאציאלע בעציהונגען, א מיינונג, וועלכע זאל זיין נוצליך נישט פאר זיינע אייגענע אינטערעסען, נאר פאר די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען, פאר די עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע ארדנונג. די קירכע, די שוהלען, די פרעסע א. ז. וו. האבען זיך

ארויסגעוויזען אין די הענד פון דער קלאסען-ארדנונג אלס זעהר גוטע מיטלען צו פערבלענדען דעם פראלעטאריאט.

און דער אנטהייל, וועלכען דער ארבייטער נעהמט אין געזעלשאפטליכען לעבען איז נאך זעהר קליין, כמעט אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דער ראלע, וועלכער ער שפיעלט אין עקאנאמישען לעבען; זיין אנטהייל בעשטעהט נאך ביז היינטיגען טאג אין דעם „צו צאהלען שטייער און שווייגען". אבער אין דעם פרינציפ זענען איצט אלע איינשטימיג, אז די מענער דארפען נעהמען אנ'אנטהייל אין דעם געזעלשאפטליכען פאליטישען לעבען. דא איז די פאליטישע ענטוויקלונג פון דער פראדוקציאן.

אנדערש איז עס מיט דער פרוי. צווישען איהר עקאנאמישע בעדייטונג און איהרע געזעלשאפטליכע איבערהויפט פאליטישע רעכטען איז א גרויסער היפך. דער פרוי האט מען נישט געגעבען אפילו די כלומרש'דיגע רעכטען, וועלכע מען האט צוגעווארפען דעם מענליכען פראלעטאריאט; רעכטליך און פאליטיש זענען די פרויען דער פינפטער שטאנד אין דער געזעלשאפט. אין דער צייט, ווען זייער עקאנאמישע ארבייט האט זיך וואס וויטער אלץ מעהר פערגרעסערט און האט זיך אין גאנצען צוגעפאסט צו די נייע פראדוקציאנס-בעדינגונגען, זענען זייערע סאציאלע רעכטען געבליבען ווי געוועזען, צוגעשניטען נאך יענע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע, וועלכע זענען געווען געגרינדעט אויף די קליין- און איבערהויפט הויז-פראדוקציאן.

פון דעם טאג אן ווען די גרויס פראדוקציאן האט ארויסגעשטופט די קליין-פראדוקציאן, ווען די פרוי האט שוין מעהר נישט געשאפט פראדוקטען פאר דעם געברויך פון דער פאמיליע, אט פון דעם טאג אן איז איהר אינטערעס איבערגעגאנגען פון דער פאמיליע צו דער געזעלשאפט. אפילו אין דעם פאל, ווען די פרוי האט זיך אליין נישט בעשעפטיגט אין דער פראדוקציאן, האבען זיך פונדעסטוועגען איהרע בעציהונגען צו דער



ארומיגער וועלט, אויסער איהר פאמיליע, געמוזט גאר אין גאנצען אומבייטען, שוין אפילו דורך דעם אליין, וואס איהר מאן האט אנגעהויבען צו ארבייטען ביי די נייע בעדינגונגען. דער קאפ פון דער פאמיליע, דער מאן, האט שוין נישט געקענט אליין, דורך זיין איינענעם ווילען, בעשטימען אלץ, וואס עס איז שייך צום לעבען פון דער פאמיליע, דאס איז דער עיקר געוועזען אבהענגיג פון דעם גאנצען מארק, פון דער גאנצער עקאנאמישער לאגע און סאציאלען לעבען, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון די פאליטישע צושטענדע און פון אלץ וואס עס קומט פאר אין פאליטישען לעבען. דער פערדינסט, וועלכער איז נויטיג פאר די חיונה, די ארבייטס-צייט, די פייער-שטונדען, די יום-טובים, דאס ארט פון דער בעשעפטיגונג, דאס גאנצע ארט און דער גרונד פון דעם פאמיליען-לעבען זענען שוין מעהר נישט געוועזען אבהענגיג פון דעם מאנס ווילען, נאר פון דעם קאפיטאליסטיס גוטען ווילען, פון דער פראדוקציאן גופא און פון מארק. די פרייזען אויף געברויכס-ארטיקלען פאר'ן הויז זענען געוועזען אבהענגיג פון פערוויקעלטע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסען און פון פאליטישע געזעצען, ד. ה. פון בעדינגונגען, וועלכע זענען נישט אין רשות פון דער פאמיליע. די קאנקורענץ האט געמוזט ברענגען צו קאלאניאל-קריג (ד. ה. קריג מיט פרעמדע לענדער, כדי צו בעזעצען זיך דארט און האבען א נייעם מארק פאר סחורה) און איינפוהרצאל אויף די סחורות, וועלכע האבען נאך טהייערער געמאכט באלד די, באלד יענע לעבענסמיטלען. א נייע פערבעסערונג אין דער פראדוקציאן האט ארויסגעווארפען היינט דעם פאטער, מארגען דעם מאן אויפ'ן גאס, און איהם געלאזען אהן ברויט. די מלחמות מיט אויסלאנד, אום צו קריגען אדער איינצוהאלטען די הערשאפט אין פאליטיק, אינדוסטריע און מסחר; די בירגער-קריג אין לאנד אליין וועגען די היינטיגע ארדנונגען, האבען ארויסגעריסען אהן רחמנות דעם פאטער

דעם זוהן און דעם ברודער פון דער פאַמיליע, האָבען געהרג'עט דעם שפּײַזער פון דער פאַמיליע אָדער אָבגעשיקט איהם אַ קאַליקע צוריק אַהײם. אַ גרויסען טהײל פון דעם פערדינסט, וועלכער איז בעשטימט פאַר דעם אונטערהאַלט פון דער פאַמיליע, שלינגען אײַן די דירעקטע און אונדירעקטע שטײַער (אָבצאָהלונגען), צוליעב די אויסגאַבען אויף די מלחמות און די גרויסע רעגירונגס-און פאָליצײ-מאַשין. און די רעגירונג גיט גרויס געזעצען, וועלכע צערשטערען דאָס לעבען פון דער פאַמיליע, צושײדען איהרע מיטגלידער און טרײַבען יעדערען בעזונדער צו נויט און הונגער. די קינדער קענען זיך נישט ענטוויקלען נאָך זײערע פעהיגקײטען; געוועהנליך ליגט אויך דאָ די אורזאַכע נישט אין דער פאַמיליע אַלײן, נאָר אין די אויסערליכע בעדינגונגען פון דער געזעלשאַפט: דער גרעסטער טהײל בילדונגס-שוהלען זענען פאַר די אָרעמע קינדער פערשלאָסען, און ווען עס געפינט זיך שוין יע נאָך פיעל געבעט און געוויין אַ פרײַעס אָרט, קען מען זיך דערמיט נישט בענוצען, ווײַל דאָס קינד מוז העלפען די עלטערן פערדינען; די עקאָנאָמישע לאַגע צווינגט דעם פאָטער צו זאָרגען, עס זאָל מיט זײַן אין הויז קײן „אומזיסטער עסער", אַז דאָס קינד זאָל וואָס פריהער אָנהויבען צו פערדינען.

קורץ, די פרוי איז ווי אַ בעל-הבית'טע, ווי אַ ווײַב און ווי אַ מוטער שטענדיג און אומעטום אָבהענגיג פון אַזעלכע געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען און אײַנריכטונגען, וועלכע עקזיסטירען אויסער דער פאַמיליע און וועלכע בעשטימען איהר אײַגענעם לעבען און דאָס לעבען פון איהר הויזגעזינד.

און נאָך דעם אַלעמען וויל מען איהר נישט צו לאָזען צו אינטערעסירען זיך מיט דעם לעבען, וועלכער קלאַפּט אויסער איהר הויז, מיט דעם לעבען פון וועלכען איהר גליק און אונגליק הענגט אַסך מעהר אָב, ווי פון איהרע קי-



כערײַ און פון אַלע אַנדערע מעלות, מיט וועלכעס האָט זיך אויסגעצײכענט די אַמאָליגע אַלטע „בעל-הבית'טע".

די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען לעגען אַרויף אויף דער פרוי נײַע לאַסטען; זײ גרײַפען אָן איהרע טיעפסטע געפיהלען אין אַלץ וואָס זי טהוט און פערלאַנגט. און זי זאָל נאָך נישט פרעגען, פון וואַנען עס שטאַמען די בעציהונגען און ווי אַזוי זײ האָבען זיך ענטוויקעלט? זי זאָל נישט פאָדערן איהרע רעכטען, ווען מען לעגט אַרויף אויף איהר שווערע פפליכטען? און זי זאָל נישט פרעגען, פאַר וואָס עס איז טהײַערער געוואָרען איהר שלעכטער שטיק ברויט, איהרע האַרטע פלײש פון אַ קראַנקער בהמה, איהר באַוועלנע קלײדעל; פאַר וואָס איז איהר געליבטער געוואָרען אַ קאַליקע, פאַר וואָס איהר מאַן שלעפט זיך אַרום אָהן ברויט איבער דער וועלט, פאַר וואָס איהר קינד האָט אַזאַ טרויעריגע יוגענד, און זי וועט האָבען אַזאַ עלענדע און ביטערע עלטער? פאַר וואָס ווערען די שכירות פון איהר מאַן פון יאָהר צו יאָהר אַלץ קלענער, זײַן אַרבײטס-צײַט אַלץ לענגער און די פײַער-צײַט אַלץ קירצער און קירצער? זי זאָל נישט זוכען קײן ענטפער אויף די אַלע טויזענדע און צעהנדליג טויזענדע פראַגען, וועלכע שטעהען איהר אַזוי אונפרײַנדליך אין וועג; זי זאָל זיך דען בענוגענען מיט די פאַקטען, וועלכע הענגען איהר, ווי שווערע שטײנער אויפ'ן האַלז, און נישט זוכען צו פערשטעהן די אורזאַכע פון זײ? אָבער נאָך פיעל דײַטליכער פיהלט איהר אָבהענגיגקײט און איהר שייכות צו דעם געזעלשאַפטליכען לעבען די פרוי, וועלכע איז געבליבען אַ „אַרבײטס-קראַפט", וועלכע אָבער, נאָך די נײַע בעדינגונגען נאָך, פראָדוצירט נישט מעהר פאַר דער פאַמיליע, נאָר פאַר דער געזעלשאַפט, וועלכע איז געוואָרען אונאָבהענגיג פון מאַן אָבער אָבהענגיג פון קאַפּיטאַליסט. דאָס לעבען ווײַזט אויף צעהן מאָל אַ טאָג

דער פֿרוי, אַז זי מוז זיך אינטערעסירען און געהמען אַנ'אַנטהייל אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען; דאָס איז איהר פֿפליכט און איהר רעכט, וועלכע עס קען ביי איהר אַוועקרויבען אַזאַ געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג וועלכע איז, ווי די איצטיגע, דורך און דורך אונגערעכט.

די אינדוסטריעלע אַרבייטערין אַליין שטעהט אונטער אַלע געזעצען, וועלכע די מלוכה און די געזעלשאַפֿט נעהמען אָן, ווי יעדער אַנדערער, וועלכער האָט דערצו אַ שייכות, מוז זי אויך זעהן דירעקט צו ווירקען, פֿאָדערן און פּראָטעסטירען. זי מוז פֿאַר אַלץ זעהן, אַז זי זאָל קענען נעהמען אַנ'אַנטהייל אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אָבצוגעבען איהר שטימע ביי די וואַהלען און נאָך אַזעלכע זאַכען. איהר לאַגע איז די זעלבע ווי די לאַגע פֿון דעם מענליכען אַרבייטער. פֿאַר וואָס־זשע וויל מען איהר געבען קלענערע רעכטען?

דער צושטאַנד פֿון די אַרבייטער־געזעצגעבונג איז פֿאַר די אַרבייטערין אַזוי ווי פֿאַר דעם אַרבייטער זעהר וויכטיג. צי מען האָט דאָס רעכט פֿראַנק און פֿריי אַרומצופֿאָהרען פֿון איין אָרט אויפֿ'ן צווייטען, אָדער דאָס איז בעגרענצט — איז עס פֿאַר איהר גאָר נישט גלייך, ווייל דערפֿון העngt אָב אַ מאָל די פֿערבעסערונג פֿון איהר לאַגע, ווייל דורך דעם קען איהר זיין שווערער אָדער גרינגער צו געפֿינען אַרבייט. עס איז זעהר וויכטיג פֿאַר איהר, צי די רעגירונג פֿערטרעט נאָר די אינטערעסען פֿון דער אַרבייטענדער מאַסע, אָדער זי גיט דעם קאַפּיטאַליסט די פֿרייהייט צו טהאָן וואָס ער וויל, אָדער דורך שוצגעזעצען האַלט זי איין זיין דורשט צו עקספּלואַטאַציאָן. עס איז זעהר וויכטיג פֿאַר איהר, צי דער קאַפּיטאַליסט האָט דאָס רעכט זונטאָג און אין אַנדערע יום־טובים צו עקספּלואַטירען איהר און דערצו נאָך אַנ'אונבעשטימטע צייט, צי זי זאָל אַרבייטען נאַכט־אַרבייט און איבער־שטונדען, צי זי מוז פֿערקירצען די יאָהרען פֿון איהר לעבען אין די אונגעזונדע אינדוסטריע־



צווייגען, אָדער צי זי האָט אַ נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג פֿון 8 שטונדען, האָט יום־טובים פֿאַר זיך און די נאַכט צו שלאָפֿען. זאָל איהר אפשר נישט אַרען, ווען דער בעל־הבית דריקט שטענדיג וואָס מעהר אַראָפּ איהר אַרבייטס־שכירות אָדער ווען ער איז, פֿערקעהרט, געצוואונגען איינצופֿיהרען מינימאַל־שכירות, ד. ה. אַזעלכע שכירות, וועלכע זאָלען איהר פֿערזיכערען די נויטיגע חיונה? די געזעצען וועגען היגיענישע בעדינגונגען, געזעצען צו פֿערהיטען און צו פֿערזיכערען דעם אַרבייטער פֿון אַנ'אונגליק, וועגען קאַסעס פֿאַר אַלטע, קראַנקע אינוואַלידען (וואָס האָבען פֿערלאָרען די פֿעהיגקייט צו אַרבייטען) — דאָס אַלץ איז פֿאַר די אינדוסטריע־אַרבייטערין אויך אַזוי נויטיג, ווי פֿאַר דעם מענליכען פּראָלעטאַריער, ווייל אויך זי קען ביי יעדער צייט פֿאַלען ווי אַ קרבן אויף דעם שלאַכט־פֿעלד פֿון דער אינדוסטריע און פֿערלירען די פֿעהיגקייט צו פֿערדינען, אין דער צייט, ווען די אומשטענדען האָבען איהר פֿריהער נישט ערלויבט זיך צו פֿערזיכערען פֿון הונגער אין אַזאַ פֿאַל.

דאָס רעכט צו פֿערזאַמלען און צו פֿעראייניגען זיך, איז פֿאַר דער פֿרוי אויך אַזוי וויכטיג ווי פֿאַר דעם מאַן; און די געזעצען וועגען דעם, און זייער דורכפֿיהרונג אין לעבען, גיבען איהר די מעגליכקייט זיך צו וועהרען געגען די מאַכט פֿון קאַפּיטאַל, אָדער זיי בינדען איהר די הענד מיט די פֿיס און גיבען איהר אין גאַנצען איבער דעם קאַפּיטאַליסט. דאָס פֿערזאַמלונגס־רעכט גיט איהר די מעגליכקייט זיך דורכצורעדען מיט אַנדערע פֿון איהר גלייכען און קלאָר מאַכען זיך זייערע אַלגעמיינע אינטערעסען און אַרויס־שטעלען איהרע פֿאָדערונגען, דאָס רעכט צו פֿעראייניגען זיך גיט איהר די מעגליכקייט, דורך די פֿעראייניגטע קרעפֿטען, צו שטרייטען געגען יעדע גראָבהייט, יעדע שלעכטע בעהאַנדלונג פֿון קאַפּיטאַליסט, צו שטרייטען פֿאַר אַ בעסערען

לעבען און אנצוהויבען דעם קאמפף פאר איהר פאלקאמע בעפרייאונג.

און די איבריגע געזעצען, די סאציאלע און פאליטישע, דריקען די ארבייטערינען אזוי שטארק ווי די ארבייטער. שטייערען און פערשידענע אבצאהלונגען דריקען איהר שטארק סיי ביי'ם אויסארבייטען, סיי ביי'ם קויפען פראדוקטען. די קאפיטאליסטישע רעגירונג און דער איינצעלנער קאפיטאליסט געפינען טויזענדע מיטלען ווי אראפצורייסען ביי איהר וואס עס איז אפילו פון אזא פערדינסט, וועלכער קלעקט קוים איהר נשמה צו דערהאלטען. אויף איין זייט ווערט איהר דער פערדינסט פערקלענערט, אויף דער אנדערער זייט ווערען די לעבענסמיטלען טהייערער און אט ווען זי קען שוין מיט איהר הכנסה גאר נישט אויסקומען, געפינט זי פאר זיך פריי אין דער בארמהערציגער און מאראלישער געזעלשאפט די פראסטיטוציאן, וועלכע איז א „פערזיכערונגס-קלאסע פון די יעצטיגע ארדנונג", אבער אויך דא, פערשטעהט זיך, מוז זי אבגעבען א צעהנטעל פערדינסט פערשידענע טעלער-לעקער און עקספלואטאטארען און אפטמאל אפילו דער רעגירונג און דער געזעלשאפט אליין. יעדע דיפלאמאטישע פאנטאזיע, יעדער בערזענשווינדעל דריקט אראפ איהרע שכירות אדער לאזט איהר גאר אהן ארבייט. די קריזיסען, וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך די ווילדע ספעקולאציאנען, ווארפען ארויס טויזענדע ארבייטער אויפ'ן גאס, טרייבען זיי אין קראנקענהויז, אין קבר, אין די פראסטיטוציאן. די קריגען שטעלען אב אויף יאהרען דעם אינדוסטריעלען לעבען און דערמיט דעם פערדינסט.

עס איז נישטא קיין מאמענט אין איהר עקאנאמישען לעבען, אין וועלכען זי זאל נישט זיין שטארק אבהענגיג פון דער *געזעלשאפט* און פון איהרע *איינריכטונגען*.

ווי קען מען דעריבער פערלאנגען, אז זי זאל לעבען אין דער געזעלשאפט מיט פערמאכטע אויגען, מיט פערלעגטע



אויערען, מיט צוזאמענגעלעגטע הענד און זי זאל נישט פאדערן חאטש אביסעל רעכטען דארט, וואו זי האט אזוי פיעל פפליכטען? די אינדוסטריעלע ארבייטערין, וועלכע שפיעלט אזא וויכטיגע ראלע אין דער נאציאנאלער פראדוקציאן, וועלכע שאפט מיט איהר בלוט און שווייס דעם נאציאנאלען רייכטהום, און פאר זיך אליין נאר א טארבע, זי זאל נישט האבען אפילו דעם קליינעם רעכט זיך צו בעראטהען אויף די פערזאמלונגען וועגען איהרע אינטערעסען, דאס רעכט צו שיקען אין אלע איינריכטונגען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט ארויסגעבען און אויספיהרען געזעצען, אזעלכע פארשטעהער, אויף וועלכע זי קען זיך פערלאזען, אז זיי וועלען אין אמת'ן שטעהן פאר די אינטערעסען פון דעם פאלק.

אזוי ווי די אינדוסטריעלע בעשעפטיגונג האט ארויסגעשליידערט די פרוי פון דער פאמיליע, אזוי מוזען אויך איהרע געדאנקען און געפיהלען ארויסגעריסען ווערען פון די ענגע הויזליכע אינטערעסען, זיי מוזען זיך פערברייטען פון דער פאמיליע אויף די גאנצע *מענשהייט*; די פרוי דארף מעהר נישט בלייבען פערשטעקט אין הויז הינטער'ן אויווען, זי מוז לעבען אין דער געזעלשאפט און די אלגעמיינע מענשליכע ליעבע, דאס סאלידאריטעטסגעפיהל, וועלכעס פעהלט איצט דער פרוי, דארף ארויסשטופען די ענגע טיעפע עגאאיסטישע פאמיליענליעבע.

די פאליטישע און סאציאלע רעכטען מוזען איהר געהערען אין דער זעלבער צאהל וואס פאר א בעדייטונג זי האט אין דער געזעלשאפט אלס א ארבייטסקראפט. די מיינונג, אז די פרוי דארף נישט האבען קיין פאליטישע רעכטען, ווייל זי קען נישט געהן דינען אין מיליטער, איז שוין א נארישע. אזעלכע אלטע פראזען האבען שוין לאנג אבגעלעבט און זענען גאר נישט ווערטה. זייט די פאליטישע עקאנאמיע האט אויפגעוויזען אז יעדע ארבייט, וועלכע איז נויטיג און נוצליך

פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, האָט אַ גלייכע ווערטה. די מיינונג אַז די פֿרויען-אַרבייט איז וועניגער ווערטה ווי די מענער-אַרבייט געהערטען נאָך צו דער אַמאָליגער אַלט׳ר לעהרע, וועלכע האָט איינגעטהיילט די אַרבייטען אין „הויכע", „נידריגע", „עדעלע" און „פּראָסטע" און וועלכע האָט אָבגעגעבען דער אַרבייט פֿון דעם קופּאָן-שניידער דאָס העכסטע אָרט אין דער געזעלשאַפֿט, ווי איינע פֿון די העכסטע, עדעלסטע און ניצליכסטע אַרבייט.

צו די אַלטע שמאַטעס געהערט אויך דער פֿערוואַלגערטער תירוץ, אַז די פֿרוי האָט צו וועניג שׂכל און אַז זי איז נאָך „צו רויה" פֿאַר דעם פּאָליטישען לעבען! אום צו קענען נעהמען אַנ׳אַנטהייל אין איהם, דאַרף מען מעהר נישט האָבען אַ געזונדען מענשליכען פֿערשטאַנד, אַ פּראַקטישען בליק, און מען דאַרף דערצו מעהר נישט פֿערשטעהן די אייגענע אינטערעסען און ווי ווייט זיי זענען פֿערבונדען מיט דעם אַלגעמיינעם גליק. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענטוויקלונג און ערציהונג וועט די פֿרוי נישט בעקומען ביי זיך הינטער׳ן אויווען נאָר אין לעבען אַליין, ווען זי וועט אַלץ אַליין איבערלעבען, אַלץ אַליין אָנזעהן און בעטראַכטען, און מיט איהר פֿעהיגקייט צו בילדונג איז פֿאַר איהר אַזאַ זאַך גאַנץ גרינג.

אין דעם וואָס די פֿרוי איז ביז יעצט געווען אויסגעשלאָסען פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען, איז שולדיג נישט נאָר דער עגאָאיזם און די אַלטע געוואָהנהייטען פֿון מאַן, נאָר אויך די גלייכגילטיגקייט פֿון דער פֿרוי. אָבער אין לעבען אַליין טרעפֿט זי זיך מיט עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿראַגען, וועלכע צווינגען איהר צו פֿאָדערען איהרע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע רעכטען, כדי זי זאָל קענען האָבען אַ דעה, אַ ווירקונג אויף די פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען און אויף איהר אייגענעם מזל.

און אָט צוליעב די ראָלע, וועלכע זי שפּיעלט אין דער איצטיגער פּראָדוקציאָן, וועלכע מוז ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ



גרעסער, וועט זי מוזען בעקומען איהרע פּאָליטישע רעכטען, מיט דעם ווילען אָדער געגען דעם ווילען פֿון דעם מאַן און אַפֿילו געגען איהר אייגענעם ווילען.

## III.

## די פֿרוי און די קינדער-ערציהונג.

מיט דעם, וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט וועגען דער פֿערענדערטער ראָלע פֿון דער פֿרוי, האָבען מיר געזוכט צו בעווייזען, אַז צוליעב די עקאָנאָמישע בעדינגונגען איז די טהעטיגקייט פֿון דער אַמאָליגער „הויז-פֿרוי" גאָר אָבגעשטאָרבען, אַז די זעלבע בעדינגונגען האָבען איבערגעטראָגען איהר טהעטיגקייט, איהרע אינטערעסען פֿון דער פֿאַמיליע צו דער געזעלשאַפֿט.

מיר האָבען דערביי בעטראַכט נאָר די טהעטיגקייט פֿון דער פֿרוי פֿון דער ריין עקאָנאָמישער זייט און האָבען נישט דערמאָנט די צווייטע זייט פֿון דער פֿראַגע, די „נאַטירליכע" אויפֿגאַבע פֿון דער פֿרוי ווי אַ מוטער פֿון איהרע קינדער, מיר האָבען נישט בעטראַכט איהרע נאַטירליכע פּפֿליכטען, וועלכע זענען אַזוי הויכגעשעצט און בעזונגען פֿון די קליינבירגערליכע פּאָעטען און פֿילאָזאָפֿען.

„די פֿרוי מוז בלייבען געטריי איהרע מוטער-פּפֿליכטען". דאָס איז די הויפּט טענה מיט וועלכער מען טרעט אַרויס געגען די בעפֿרייאונגס-בעוועגונג פֿון דער פֿרוי. מען ערקלערט, אַז די נאַטירליכע אויפֿגאַבע פֿון דער פֿרוי. איז נאָר צו זיין אַ מוטער און צו ערציהען איהרע קינדער, און דערמיט רעכענט מען מיט איין קלאַפּ צו פֿערניכטען יעדע פֿאָדערונג פֿון דער פֿרוי צו בעקומען פּפֿליכטען און רעכטען אין דער געזעלשאַפֿט. און דאָס רופֿען זיי נאָך אָן „מאָראַלישער טעם". און דער פֿיליס-

טער (דער גײַסטבעשרענקטער קלײַנבירגער) האָט, ווי עס איז בעקאַנט, זעהר ליעב אַוועקצומאַכען אונטער'ן האַנד פערשיעדענע אונאַנגענעהמע פאַקטען און ערשײנונגען מיט מאָראַלישע טעמים. די מאָראַלישע טעמים זענען פיין און שען, דערצו נאָך וואָלוועל ווי שוואָמען, בעקוועם, פערשפּאָרען פיעל צו טראַכטען און גיבען די מעגליכקײט אָבצוקומען מיט שענע קלינגענדע פראַזען. אזוי ווי דער שטראַוס בעהאַלט אין אַ געפאַהר זײַן קאָפּ אין זאַמד, מײנענדיג אַז קײנער וועט איהם נישט בעמערקען, אַזוי בעהאַלט זיך דער קלײַנבירגער הינטער דעם מאָראַל, ווען עס שטעהט איהם פאָר אַ אונאַנגענעהמע פראַגע. און אָט מיט דער מאָראַל בענוצט ער זיך צו צובינדען די פרוי צום הויז.

ווען מען שרײַבט וועגען די נאַטירליכע אויפגאַבע פון דער פרוי צו האָבען קינדער און זיי צו ערציהען, פערגעסט מען גאָר אָן צעהנדליגער און הונדערטער טויזענד פרויען, וועלכע האָבען גאָר נישט די *מעגליכקײט* זײערע *מוטערליכע פפליכטען צו ערפילען*. און די צאָהל פון אַזעלכע פרויען, אַדאַנק דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, ווערט דאָך וואָס ווײַטער אַלץ גרעסער, און די פראַגע וועגען אַרבײט און פערדינסט ווערט אַ לעבענס־פראַגע פאַר זיי. צוליעב די מלחמות, וועלכע רײַסען אַרויס טויזענדער יונגע לײַט, און נאָך מעהר צוליעב דעם, וואָס עס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ שווערער אויסצוהאַלטען אַ פאַמיליע, צו פיהרען אַ בעל הבית'ישקײט, ווערט די צאָהל פון די פערהײראַטע וואָס ווײַטער אַלץ קלענער, און די נויט, די שלעכטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, צווינגען גאַנץ אָפּט דער פאַמיליע אָבצוזאָגען זיך צו האָבען קינדער; צוליעב די שלעכטע קערפּערליכע ענטוויקלונג — דאָס רוב פון שווערע אַרבײט — קענען פיעלע פרויען גאָר נישט האָבען קײן קינדער, הײַנט ווער רעדט נאָך געזונדע און שטאַרקע קינדער. ווי קען מען,



אַלזאָ אויף אַזאַ אופן פאַר אַלע פרויען מאַכען אײן גלײַכען געזעץ אין דער צײַט, וואָס נישט אַלע פרויען געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע?

און ווידער איז דען די פרוי, וועלכע האָט שוין קינדער, טאַקי אין דער אמת'ן אַ גוטע *ערציהערין*, און צי קען זי גאָר דאָס זײַן בײַ די איצטיגע בעדינגונגען?

ווען מיר בעטראַכטען די פאַמיליע פון די *העכערע קלאַסען*, זעהען מיר, אַז די „נאַטירליכע אויפגאַבע" פון דער פרוי אַלס מוטער בעשטעהט געוועהנליך אין דעם, וואָס זי דינגט אַ סך פערשיעדענע פרעמדע קרעפטען, גײַסטיגע און פיזישע לויהן־אַרבײטער, אויף וועלכע זי וואַרפט אַרויף אַלע איהרע „מוטער־פפליכטען"; אויסער דעם, פערדריסט איהר נאָך זעהר אָפט, וואָס זי מוז אַלײן געבערען און קען דערצו קײנעם נישט דינגען. פריהער דינגט מען אַנ'אַם, דערנאָך אַ באָנע און שפּעטער ערציהערס און ערציהערינס, לעהרער און לעהרערינען. די קערפּערליכע, גײַסטיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג פון די קינדער לאָזט מען פראָסט איבער אויף אַנדערע, ווײַל עס איז דאָ געלד זיי צו דינגען. און די פפליכטען פון דער מוטער בעשטעהען נאָר אין דעם, אויסצוקלייבען, צו בעצאָהלען און, ווען מען דאַרף, אויך נאָכצוקוקען נאָך זיי. זעהר זעלטען געפינען מיר אין די דאָזיגע קלאַסען, אַז די מוטער זאָל זיך אַלײן בעשעפטיגען מיט דער ערציהונג פון איהרע קינדער און נאָך זעלטענער ערציהט זי איהרע קינדער קלוג און גוט.

די זעלבע ערשײנונג, וועלכע מיר בעמערקען בײַ דער גרויס־בורזשואַזיע איבער צו פיעל רײַכקײט, קומט פאָר בײַ דעם פּראָלעטאַריאַט איבער אָרעמקײט און נויט. וואָס קלענער און אונזיכערער עס ווערט דער פערדינסט פון דעם מאַן, וואָס מעהר די פרוי מוז געהן פערדינען, כדי אויסצוהאַלטען די הוצאה פון דער פאַמיליע, אַלץ ווייניגער

קען זי לעבען פֿאַר איהרע קינדער און זיך פֿערנעהמען מיט זייער ערציהונג.

די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען, סײַ אין די העכערע, סײַ אין די נידריגע קלאַסען, געפֿיהרט צו די זעלבע רעזולטאַטען: זיי האָבען צוגענומען די קינדער-ערציהונג פֿון די מוטערס הענד. די קינדער ווערען שוין איצט נישט ערצויגען דורך די אייגענע פֿאַמיליען-מענשען, נאָר דורך גאַנץ פֿרעמדע, געדונגענע, וועלכע געהערען גאָר נישט צו דער פֿאַמיליע און לעבען אָפֿט גאָר נישט אין דער פֿאַמיליע. די נײַע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען האָבען צוגענומען בײַ דער פֿרוי נישט נאָר די שטוביגע אַרבײַט, נאָר אויך אַ רעכטען טהייל פֿון דער קינדער-ערציהונג — סײַ ביי דער פֿרוי פֿון דער בורזשואַזיע און סײַ ביי דער פּראָלעטאַריערין.

אָבער דער טיעפֿער אונטערשיעד צווישען דער לאַגע פֿון דער רייכער לײדיגגעהערקע און דער לאַגע פֿון דער פֿערהאָרעוועטער אַרבײַטער-פֿרוי פֿיהרט צו גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטען.

די פֿרוי פֿון דעם קאַפּיטאַליסט קען אויסקלייבען פֿאַר איהרע קינדער גוטע ערציהער און גוטע לעהרער, וועלכע פֿערשטעהן אפשר אַ סך בעסער ווי די מוטער, ווי צו ערציהען די קינדער, און זיי ענטוויקלען זיך טאַקי אונטער גוטע בעדינגונגען.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז דאָס בײַ דער אַרבײַטער-פֿרוי: דער איינציגער ערציהער פֿון איהרע קינדער איז כמעט נאָר דער צופֿאַל און די איינציגע שוהלע, אין וועלכער זיי בעקומען זייער ענטוויקלונג, איז די נויט. די רייכע פֿרוי, ווען זי זויגט נישט אליין איהר קינד, כדי נישט צו פֿערדאַרבען איהר שעגע פֿיגור, קריגט אַ „שטאַרקע געזונדע אַם פֿון דאָרף", וועלכע גיט איהר קינד נאָך אפשר געזונדערע



מילך ווי די מילך פֿון איהר פֿערדאָרבענעם אָרגאַניזם, פֿאַר וועלכען זי האָט צו דאַנקען איהרע זינדיגע עלטערן. די מענשען, וועלכע זענען געדונגען צו זאָרגען פֿאַר די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון איהר קינד, זענען ספּעציעל אויסגעבילדעטע לעהרער, ערציהער א. ז. וו. פֿערקעהרט, ווען די אַרבײַטער פֿרוי איז צו שוואַך אַליין צו זויגען דאָס קינד, איז זי נישט אימשטאַנד צו פֿערשאַפֿען איהם אַזאַ פֿלעגע, וועלכע זאָל האָבען די זעלבע ווערטה. האָט זי שוין יע געזונדע מילך פֿאַר איהר קינד, קומט די נויט און רײַסט אָב דאָס קינד פֿון איהר ברוסט. די מוטער דאַרף זיך אַמאָל גאָר פֿערדינגען פֿאַר אַנ'אַם ביי אַ פֿרעמדען, און נאָך עפֿטער וועקט איהר, ווי עס ווערט קוים טאָג, דער דורכשניידענדער פֿייף פֿון דער פֿאַבריק און יאָגט זי צו דער אַרבײַט. דעם גאַנצען לאַנגען אַרבײַטסטאָג איז זי צוגעשמידט צו דער מאַשין און זי בענוצט נאָר די קורצע מיטאָגס צײַט אוועקצולויפֿען אַ היים — געוועהנליך נאָר ווען זי וואָהנט גאַנץ נאָהענט — צו געבען אַ קוק אויף איהר קינד און איהם אָנצוקאָרמענען. און די איבריגע צײַט גיט אַכטונג אויף דאָס קינד זײַן עטוואָס עלטערער ברודער'ל אָדער שוועסטער'ל, אַ גוטע שכנ'טע, אָדער אַנ'אַנדער פֿרוי, וועלכע מאַכט פֿון דעם האָדעווען קינדער אַ געשעפֿט, און מאַכט, ווי מען זאָגט עס, פֿון זיי מלאכים, ד. ה. זי ברייננגט זיי גיך צו גאָט. כדי דער קליינער „שרײַער" זאָל וואָס לענגער בלײַבען שטיל און רוהיג, שטאָפּט מען איהם אַרײַן אין מײַלעלע די שמוציגע סאָסקע, אָדער אָנשטאָט נאַהרונג גיט מען איהם אַזעלכע שלאָפֿמיטלען, פֿון וועלכע ער „שלאָפֿט טאַקי גוט און שטאַרק אײַן", אָבער וועלכע פֿערשלעפֿערען איהם אָפֿט אויף עביג אָדער ער ווערט פֿון דעם אַ אידיאָט; אָנשטאָט די מוטער-מילך קריגט ער וואַסערדיגע, געפֿעלשטע קוה-מילך און אַלערליי אַנדערע „קינדער נאַהרונגס-מיטלען", פֿון וועלכע מען קען זאָגען, אַז אין דעם בעסטען פֿאַל

ווירקען זיי נישט ווי גיפֿט אויף דעם עדעלען קינדערליכען אָרגאַניזם.

מיט דעם היגיענישען צושטאַנד, מיט דער ריינקייט ביים אומגעהן מיט דאָס קינד שטעהט עס נאָך פֿיעל ערגער. עס איז נאָך אַ גליק ווען די אַרבייטערין קען אַוועקגעבען איהר קינד אין אַ טעגליך-קינדער-אַנשטאַלט. ווי נאָר דאָס קינד ווערט ענטוואוינט, פֿאַלט ער אַרונטער אונטער דער השגחה פֿון קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך אָדער בעקאַנטע, אָדער ער בלייבט גאָר אָהן אַ שום השגחה און איז פֿראַנק און פֿריי זיך צו פֿערברענען, אַריינצופֿאַלען אין וואַסער, אַרויסצופֿאַלען פֿון פֿענסטער. זעהר זעלטען גיט זיך איין דער מוטער אַריינצוברענגען איהר קינד אין אַ קינדער-גאָרטען, אין אַנ'אַנשטאַלט, וואו מען האַלט אויף קליינע קינדער, פֿון וועלכען דאָס קינד געהט איבער אין שוהל. נאָר דאַמאָלס פֿאַלט ביי דער מוטער אַראָב אַ שטיין פֿון האַרצען, זי איז דאָך וועניגסטענס זיכער, דאָס אויף איהר קינד גיט מען שוין אַכטונג האָטש עטליכע שעה, אַז עס שטעהט שוין אין אַ קלענערע געפֿאַהר זיך צו שעדיגען, צו ווערען אַ קאַליקע א. ז. וו. די פֿאָלקס-שוהלען און די פֿאָלקס-אַנשטאַלטען פֿאַר קינדער גיבען נישט די קינדער דאָס וואָס זיי קענען און דאַרפֿען געבען, און וועלען קיינמאָל נישט געבען ביי דער איצטיגער קלאַסען-אָרדנונג. פֿונדעסטוועגען פֿאַר דער פּראָלעטאַריערין זענען זיי אויך איצט זעהר וויכטיג, ווייל דאָס פֿערהיט האָטש איהר קינד פֿון די גרעסטע אונגליקען.

מיר זעהן אַלזאָ, אַז די מוטער פֿון די אָרעמע קלאַסען קען נישט אויסקלייבען אַזעלכע מיטלען אויפֿצופּאַסען און אויסצוהאָדעווען איהר קינד, וועלכע וואָלטען זיין די בעסטע פֿאַר איהר, נאָר זי מוז אויסקלייבען אַזעלכע, וועלכע זענען ביליגער ווי אַלע און וועלכע לאָזען איהר



איבער וואָס מער פֿרייע צייט צו פֿערדינען. זי אַליין קען האָדעווען און ערציהען איהר קינד נאָר אין די קורצע פֿרייע צייט, נאָך די שווערע אַרבייט, אין אַ זונטאָג אונ אַ יום-טוב ווען עס איז גאָר נישט דאָ קיין איבער-אַרבייט און זונטאָג-אַרבייט. איהר קערפּער איז אָבער דאַן אָבגעמאַטערט, איהר גייסט בעדריקט פֿון זאָרגען און דערצו בעשווערט מיט הויז-אַרבייט, וועלכע זי האָט פֿערלאָזען, אַרבייטענדיג פֿאַר די חיונה. אונ ווי זאָל די פֿרוי אויף אַזאַ אופֿן נאָך האָבען די מעגליכקייט צו זיין אַ גוטע ערציהערין פֿאַר איהרע קינדער?

עס בלייבט יעצט נאָך איבער צו בעטראַכטען די פֿאַמיליע פֿון דעם אָרענטליכען גוטען מיטעלשטאַנד, וועלכער האַלט זיך פֿאַר אַלע איינריכטונגען, וועלכע זענען שוין לאַנג אָבגעלעבט, וועלכער היט אַלע מיינונגען און צושטענדע, וועלכע זענען געוועזען הייליג און טייער פֿאַר אונזערע עלטער-זיידעס. אָבער דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אין דעם מיטעלשטאַנד, קען אויף קיין פֿאַל נישט דינען פֿאַר קיין ביישפּיל. דאָס קליינבירגערטום מוז אונטערגיין און אויסער אייניגע פֿון זיי, וועלכע דערהויבען זיך צו דער בורזשואַזיע, מוזען זיי אַלע ווערען פּראָלעטאַריער. די פֿרויען פֿון די רייכערע קליינבירגער טוען נאָך די פֿרויען פֿון דער גרויסבורזשואַזיע, און זוכען אויך אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך די ערציהונג פֿון זייערע קינדער; די גרעסטע טייל קליינבירגערליכע פֿרויען געפֿינען זיך אָבער אויך אין דער זעלבער לאַגע ווי די אַרבייטער-פֿרויען, ווייל זיי מוזען אויך גיין פֿאַר נייטערקעס, העפֿטערקעס, אונ לערערקעס, כדי צו האָבען אַ זייטיגען פֿערדינסט. אויך אין דעם מיטעלשטאַנד מוז די מוטער וואָס ווייטער, אַלץ מער זיך אָבזאָגען צו האָדעווען אונ צו ערציהען איהרע קינדער.

אין דער צייט אַלזאָ, ווען די נייע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען האָבען פֿערניכטעט די פּראָדוקציאָן פֿון געברויכס-מיטלען אין דער פֿאַמיליע גופֿא, האָבען זיי אויך געמאַכט אונמעגליך צו ערציהען די קינדער אין דער פֿאַמיליע. די פֿרו

וועלכע האָט אָנגעהויבען צו פּראָדוצירען אין דער געזעלשאַפֿט, האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פֿון איהרע „נאַטירליכע" אויפֿגאַבען, וועלכע זענען בכלל געווען נאַטירליך נאָר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען דאָס דערלאָזען.

די האָרעוואַניע און די ערציהונג פֿון די קינדער האָבען נאָר ביז דאַן געקענט בלייבען די אַרבייט פֿון דער מוטער אַליין, ביז וואַנען די פֿרוי איז געווען צוגעבונדען צום הויז דורך די עקאָנאָמישע בעדינגונגען. דאָס פֿאַמיליענלעבען האָט איבער די איצטיגע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען אויך אין דיזער הינזיכט געמוזט אין גאַנצען פֿערענדערט ווערען, ווייל די פֿאַמיליע איז ביז יעצט געווען נישט קיין מאָראַלישע, נאָר אַ עקנאָמישע פֿערבינדונג. צוזאַמען מיט איהרע עקנאָמישע בעדינגונגען האָבען זיך אויך געמוזט אומבייטען אַלע איהרע, ווי מען רופֿט עס, מאָראַלישע פּפֿליכטען אונ אויפֿגאַבען. אויך אין דעם פּרט האָט די געזעלשאַפֿט, דער כּלל, געמוזט ווערען איהר יורש.

דער גאַנצער פֿערענדערונגס־פּראָצעס האָט זיך נאָך נישט געענדיגט, דער קאַמפּף צווישען דאָס אַלטע אונ נייע, די שווערע איבערגאַנגס־צייט גיט זיך זעהר האַרט צו שפּירען אין דער ערציהונג פֿון די קינדער, אָבער דער פֿערענדערונגס־פּראָצעס איז שוין גאַנץ וויט אַוועק און ווי ער וועט זיך ענדיגען, קען שוין מער קיין ספק נישט זיין.

די ערציהונג פֿון די קינדער מוז און וועט איבערגעהן פֿון דער פֿאַמיליע צו דער געזעלשאַפֿט. זי מוז איבערגיין פֿון די מוטערס הענד אין די הענד פֿון גוט פֿאָרבערייטעטע פּעדאַגאָגען (ערציהער) ספּעציאַליסטען. נישט נאָר אַלס הויזווירטין, נאָר אויך אַלס מוטער וועט די פֿרוי קענען אויסקלייבען איהר געזעלשאַפֿטליכע טעטיגקייט לויט איהרע פֿעהיגקייטען אונ לויט די בעדערפֿניסע פֿון דער געזעלשאַפֿט. איהר געזעלשאַפֿטליכע לאַגע וועט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויסגעגליכען ווערען מיט דער לאַגע פֿון



מאַן. און אַלע שענע פֿראַזען, מיט וועלכע מען בעדויערט דאָס געוועזענע קענען דעם פֿאַקט נישט ענדערען אַפֿילו אויף אַ האָר.

*

* *

דאַרף מען דען טאַקי קלאָגען איבער דיזען פֿאַקט, ווי יענע מענער און פֿרויען, וועלכע פֿערגיסען דעריבער טייכען טרערען, ווי אַ קלאָגמוטער?

נאָך אונזער מיינונג — געוויס נישט; ווייל די מיינונג, אַז די מוטער איז פֿון דער נאַטור בעשטימט צו ערציהען די קינדער, איז איינע פֿון די אָבגעלעבטע און אויסגעוועבטע מיינונגען, וועלכע האָבען אין אונזער יאָרהונדערט שוין קיין שום ווערט נישט.

די מוטער איז טאַקי די „נאַטירליכע" ערציהערין און אויפֿפּאַסערין פֿון איהר קינד, ווען דאָס קינד דאַרף נאָך זויגען, אָבער נישט ווייטער. די געזעלשאַפֿט האָט די אויפֿגאַבע צו זאָרגען, אַז אין יענער צייט זאָל די מוטער קענען געהערען איהר קינד, אַז די מוטער זאָל האָבען די בעסטע בעדינגונגען אין דער צייט, ווען זי איז שוואַנגער, כּדי דאָס קינד זאָל זיך קענען גוט ענטוויקלען נאָך פֿאַר דער געבורט. ווען דאָס קינד אָבער איז שוין ענטוואוינט, איז גאַנץ דאָס זעלבע, אויב די מוטער אָדער אַנ'אַנדערע זאָרגט פֿאַר זיין ווייטערע ענטוויקלונג. די ענטוויקלונג פֿון קינד הענגט דאָ נישט אָב פֿון די „נאַטירליכע", אונפֿערענדערליכע אורזאַכען, נאָר פֿון די פֿערענדערליכע געזעלשאַפֿטליכע פֿערהעלטניסע, פֿון דעם איצטיגען צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון איהר ווייטערע ענטוויקלונג.

וויכטיג פֿאַר דאָס קינד איז נישט דווקא די מוטערליכע ערציהונג, נאָר די ערציהונג בכלל, וועלכע זאָל זיין געפֿירט מיט פֿערשטאַנד און ליבע און מיט קענטניס פֿון די געזעצען,

װעלכע בעשטימען די ענטװיקלונג פֿון קינד. צוליב די אײנפֿאַכע אַרבײט-פֿערטײלונג צװישען מאַן און פֿרױ איז די מוטער פֿריהער געװען די „נאַטירליכע״ ערציהערין פֿון איהרע קינדער, ד. ה. די נאַטירליכע דערמיט, װײַל די געזעלשאַפֿטליכע צושטענדע האָבען איהר דערצו בעשטימט, אַזױ װי זי איז געװען למשל די אײנציגע, װעלכע האָט אַלץ געשאַפֿען פֿאַר דאָס הױז, זײַענדיג אַלײן שנײַדערקע, שוסטערקע, בעקערקע, שפּינערקע, װעבערקע א. ז. װ. און אַזױ פּראָסט און גראָב װי מען האָט געאַרבײט אַזױ האָט מען אױך די קינדער ערצױגען. נ-ער די אַרבײטס-פֿערטײלונג, װעלכע האָט זיך ביסלעכװײַז אײַנגעפֿירט אין דער געזעלשאַפֿט, און װעלכע האָט צוגענומען בײַ דער פֿרױ די שטוביגע אַרבײט אײנע נאָך די אַנדערע, אָט די דאָזיגע אַרבײטס-פֿערטײלונג האָט אױך ביסלעכװײַז געמוזט אַרױסרײַסען פֿון איהרע הענד די קינדער-ערציהונג, װעלכער דאָס לעבען האָט געשטעלט גרעסערע אױפֿגאַבען, פֿאָדערענדיג דערצו פֿערשידענע קענטניסע און אַרבײט, װעלכע קענען נאָר זעלטען זײַן פֿעראײניגט אין אײן מענשען. דער ערשטער רעזולטאַט פֿון דעם איז געװען דער, װאָס זעהר באַלד איז די טעכנישע פּראָפֿעסיאָנעלע אױסבילדונג פֿון קינד, ביסלעכװײַז אױך די גײַסטיגע ערציהונג און בכלל די בילדונג פֿון די קינדער אַריבער פֿון דער מוטער צו די הענד פֿון ספּעציאַליסטען, פֿאַכמענשען.

און עס פֿעלט איצט מער קײנעם נישט אײַן צו זײַן געגען אַזאַ מין אַרבײטס-פֿערטײלונג אין דער ערציהונג פֿון קינדער. װי גוט װי נױטיג עס איז, אַז לערער און טאַקי פֿאַכלערער זאָלען זיך בעשעפֿטיגען מיט דער בילדונג פֿון די קינדער, ליגט קלאָר אױפֿ'ן האַנד. קײנער װעט נישט זאָגען, אַז די מוטער מוז אַלײן זײַן די „נאַטירליכע לערערין״ פֿון איהרע קינדער. די ראָלע פֿון דער מוטער אַלס ערציהערין פֿון די קינדער האָט אַסך פֿערלאָרען אין איהר בעדײַטונג, װי נאָר עס איז אָרגאַניזירט געװאָרען די איצטיגע שול-בילדונג



פֿאַר קינדער. צו לערנען קינדער האָט איבערגענומען אױף זיך די געזעלשאַפֿט. זי אָרגאַניזירט די לערע און זי קלײַבט אױס צוגעגרײטע ספּעציאַליסטען, זײ זאָלען אױספֿירען איהרע פֿאָרשריפֿטען. דאָס לעבען אַלײן האָט דערצו געצװאונגען פֿון צװײ זײַטען: ערשטענס, די אַרבײטס-פֿערטײלונג, װעלכע איז אַ נױטיגע זאַך, כּדי צו דערגרײכען בעסערע רעזולטאַטען, און צװײטענס, די לאַגע פֿון טױזענדער פֿרױען, װעלכע האָבען געמוזט פֿאַר זיך פֿערדינען. אַרבײטענדיג אין הױז אָדער אױסער'ן הױז.

און זאָגאַר די אַלע פֿאַקטען פֿון לעבען רײַסען די אױגען, הערשט נאָך אַלץ זעהר שטאַרק די מײנונג, אַז אַ פֿרױ דאַרף זײַן די ערציהערין פֿון די קינדער, נישט קוקענדיג אױף דעם, װאָס פֿאַקטיש האָט זי שױן אױפֿגעהערט צו זײַן אַ ערציהערין.

מען פֿערגעסט נאָר דערבײַ, אַז די ערציהונג פֿון קינדער איז אַזאַ פּראָפֿעסיאָן, װי יעדע אַנדערע. װי בײַ יעדער פּראָפֿעסיאָן מוז דער ערציהער, כּדי גוט צו ערפֿילען זײַן אױפֿגאַבע, ערשטענס פֿון דער נאַטור זײַן פֿעהיג דערצו, צװײטענס, מוז ער האָבען די נױטיגע טעכנישע בילדונג און װידער מוז ער בכלל זײַן זעהר ענטװיקעלט אין אַלע הינזיכטען. און װיל מען נישט אַנדערש, אַז די פֿרױ זאָל זײַן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע ערציהערין פֿון די קינדער, מוז זי האָבען אָט די דרײַ מעלות, װעלכע מיר האָבען דאָ אױסגערעכענט. דאָס טרעפֿען מיר אָבער בײַ זעהר אַ קלײנעם טײל מוטערס און פֿרױען. װי װעניג, צום בײַשפּיל, עס װערען געבאָרען מענער מיט די פֿעהיגקײטען צו זײַן אַ שוסטער, אַ מיליטער-אָנפֿירער, אָדער אַ מאַלער און װי װעניג עס קענען זיך בכלל ענטװיקלען בײַ זײ אַלע פֿעהיגקײטען, װען זײ האָבען זײ שױן אין זיך, אַזױ װעניג װערט אױך די פֿרױ געבאָרען אױף דער װעלט מיט די פֿעהיגקײטען צו זײַן אַנ'ערציהערין פֿון קינדער. און אױב די פֿרױען בעקומען שױן יאָ פֿון דער נאַטור װעלכע עס איז

פֿעהיגקייט צו ערציהען קינדער, בעקומען זיי אָבער אַזאַ שלעכטע בילדונג, אַז די פֿעהיגקייט קען זיך ביי זיי גאָר נישט ענטוויקלען. די פֿעהיגקייט צו ערציהען קינדער איז, ווי יעדער אַנדער טאַלענט, נישט צוגעאייגענט אַגאַנצען געשלעכט (מין), נאָר איינצעלנע אינדיווידואומען (יחידים), פֿון דעם אָדער דעם צווייטען געשלעכט. עס קען זיין, און אפֿשר איז עס געוויס, אַז די פֿעהיגקייט צו ערציהען קינדער קענען מיר געפֿינען גיכער ביי דער פֿרוי ווי ביי דעם מאַן, ווייל זי האָט זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם הונדערטער יאָרען לאַנג און דאָס איז איהר געבליבען ווי בירושה פֿון דער נאַטור. אָבער אין נייַנציג פֿאַלען פֿון הונדערט, ווייל די ענטוויקלונג פֿון דער פֿרוי איז אַזוי איינזייטיג, געהט אָט די דאָזיגע געבאָרענע פֿעהיגקייט פֿערלאָרען. און זי בלייבט נאָר אַ אינסטינקט (אַ חוש), אַנשטאָט זיך צו ענטוויקלען צו אַ קלאָרען שאַפֿענדען טאַלענט.

אָדער, בעזיצט אפֿשר די פֿרוי די צווייטע מעלה — אַ בעסערע טעכנישע בילדונג, אַז זי זאָל טאַקי אין אמת'ן קענען נעמען אויף זיך די ראָלע צו ערציהען די קינדער?

דער צוועק פֿון דער ערציהונג איז צו מאַכען די קינדער פֿאַר מענשען אין אמת'ן זין פֿון דעם וואָרט. דער היינטיגער מענש איז זעהר אַ פֿערפלאָנטעטע בעשעפֿעניש. ער ענטוויקעלט זיך נאָך בעשטימטע געזעצען, וועלכע ליגען אין איהם און אויסער איהם, געזעצען, וועלכע אונטערשטיצען איינע די אַנדערע, קעמפּפֿען מיט איין אַנדער, פֿערניכטען איינע די אַנדערע. דער ציל פֿון די ערציהונג קען נישט עררייכט ווערען, ווען מען ווייסט נישט די פֿיזישע (קערפּערליכע) און די פּסיכישע (גייסטיגע) געזעצען, וועלכע בעשטימען די ענטוויקלונג פֿון דעם קינד, ווען מען פֿערשטייט נישט די נאַטירליכע און געזעלשאַפֿטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע דאָס קינד לעבט און ענטוויקעלט זיך. און מען מוז אויך קענען און וויסען די פּעדאַגאָגישע (ערציהער.שע) מעטאָדען, וועלכע זענען געגרינ־



דעט אויף די אויבענדערמאָנטע געזעצען. יעדער האַנדווערקער און יעדער קינסטלער מוז קענען דעם מאַטעריאַל, אויף וועלכען ער דאַרף אַרבייטען, ער מוז קענען ספּעציעל זיין מלאָכה, כדי צו קענען אויסאַרבייטען פֿון מאַטעריאַל וואָס עס פֿאָדערט זיך. דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דעם ערציהער, וועלכער דאַרף מאַכען דאָס קינד פֿאַר אַ מענשען. ער דאַרף קענען דעם לעהם, וועלכען ער האָט צו קנעטען. ער דאַרף קענען די בעסטע מעטאָדע, ווי זיך צו בעגעהן מיט דעם מאַטעריאַל, ער מוז זיין גוט צוגעגרייט צו זיין פּעדאַגאָגישע פּראָפֿעסיאָן.

כדי די איינפֿאַכסטע זאַכען זאָלען וואָס בעסער געמאַכט ווערען, גיט מען זיי איבער אין די הענד פֿון ספּעציאַליסטען, מענשען, וועלכע האָבען זיך דערצו געלערענט. אפֿילו אַנ'אַלטען שוך צו פֿערלאַטען גיט מען אויך נישט אַוועק אַבי וועמען, נאָר מען גיט דאָס דעם פֿאַכמאַן, דעם שוסטער, אַז ער זאָל עס פֿערריכטען, ווי עס דאַרף צו זיין. אויף די ערציהונג פֿון די קינדער קוקט מען נישט אַזוי ערנסט. צו דער ערציהונג, צו דער וויכטיגסטע פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע אַרבייטען, האַלט מען נישט פֿאַר נויטיג אַ פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרבערייטונג.

נאָך מעהר, עס איז געוואָרען אַ כלל, אַז צו ערציהען קינדער דאַרף מען נישט האָבען קיין שום ספּעציעלע קענטניסע: די מוטער איז דאָך די נאַטירליכע ערציהערין פֿון די קינדער. אויף אַזאַ אופֿן בעקומט יעדע גאַנז — זייט מיר מוחל פֿאַר'ן אויסדרוק — וועלכע ווערט אַ מוטער, דורך דעם אַליין, וואָס זי האָט געהאַט דאָס קינד, אַ צויבערקראַפֿט צו ערפֿילען די אַלע שווערע אויפֿגאַבען און פּפליכטען פֿון אַ ערציהערין! אַזאַ מין מיינונג איז, נאָך די רעזולטאַטען, וועלכע קומען דערפֿון אַרויס, פּראָסט אַ פֿערברעכען.

„אָבער, — זאָגט דער גוטער און דער פֿרומער קליינבירגער, אויפֿהעבענדיג סענטימענטאַל די אויגען צום הימעל, — די נאַטור האָט דאָך געגעבען דער פֿרוי דעם *אינסטינקט* פֿון מוטער־ליבע, און דער דאָזיגער אינסטינקט וועט איהר

אויסהעלפען דארטען, וואו עס פעלט איהר קענטניס".

אזעלכע אופנים בעווייזען זענען זעהר שלעכטע! אין אונזער צייט איז שוין זעהר שווער צו געפינען אזעלכע, וועלכע זאלען גלויבען, אז בלינדע קרעפטען זאלען קענען ווירקען דארטען, וואו עס פאדערט זיך בעוואוסטזיין און קענטניס. דער אינסטינקט פון מוטער-ליבע איז בלינד און טאפט אין דער פינסטער, ער קען קיינמאל נישט געבען דאס, וואס די קענטניס און די וויסענשאפט גיבען. ביי דער ערציהונג פון דעם קינד קען דער אינסטינקט, אין בעסטען פאל, פערהיטען נאר דאס ערגסטע, אבער ער קאן נישט געבען דאס בעסטע. די פרוי, וועלכע ווייסט נישט די הויפט-בעדינגונגען פון דעם, ווי עס ענטוויקעלט זיך דער קערפער פון קינד, וועלכע פערשטייט נישט, ווי עס גייט זיין גייסטיגע ענטוויקלונג, וועלכע ווייסט נישט, ווען זי זאל מיט גוטען און ווען מיט בייזען זיך בעגיין מיט דעם קינד, וועלכע ווייס נישט קיינע פעדאגאגישע מיטלען, ווי צו פערגרינגערען דעם קינד צו ווערען א מענש — אט די פרוי קען נישט זיין קיין ערציהערין, מעג זי אפילו צעהן מאל זיין די לייבליכע מוטער פון קינד. יעדען טאג האבען מיר ביישפילען פאר די אויגען, וועלכע בעווייזען אונז, וואס פאר א משוגה'דיגע זאכען, איך וויל נישט זאגען פערברעכען, די צערטליכסטע מוטער טוט אב געגען די ענטוויקלונג פון דער קינדערשער נאטור אין נאמען פון דעם אינסטינקט פון מוטער-ליבע". די גייסטליכע און קערפערליכע פערדארבענהייט פון יונגען דור ערקלערט זיך גרעסטענטיילס דערמיט, וואס מען האט איבערגעלאזט די ערציהונג פון קינד אויף דעם „מוטערליכען אינסטינקט", און נישט אויף די קענטניס און וויסענשאפט. די אלע „פאפולערע ביכער" וועגען ערציהונג קענען דא גאר ווייניג העלפען, שוין צוליב דעם אליין, וואס אזעלכע ביכער זענען פאר דער גרעסטער צאל מוטערס א זאך, צו וועלכער זיי קענען נישט צו קומען. די פרוי, וועלכע ארבייט טעגליך צעהן, צוועלף שטונדען און נאך מער



אין פאבריק, אדער פון פרי-מארגען ביז שפעט אין דער נאכט אין שטוב, צו פערדינען איהר ברויט, קען זיך נישט אינטערעסירען דערמיט, וואס די געלערענטע מענשען שרייבען וועגען דעם, ווי צו ערציהען קינדער. ביי דער ערציהונג פון איהר קינד מוז זי זיך מערסטענטייל בענוגענען מיט דעם, וואס זי קען דעם קינד די זעקלעך פערצירעווען, זיינע הייזלעך פערלאטען, ווען זי האט שוין פריהער פערדינט אויף דעם נויטיגען שטיקעל ברויט פאר איהם.

כדי די ערציהונג זאל דערגרייכען דעם ריכטיגען צוועק, כדי זי זאל ברענגען גוטע רעזולטאטען, איז דורכאויס נויטיג, אז די גאנצע ערציהונג פון קינד זאל זיין איינגעארדענט אויף אזא אופן, ווי עס איז שוין צום גרעסטען טייל איינגעארדענט די בילדונג, וועלכע האט שוין געבראכט אזעלכע גוטע רעזולטאטען. זי מוז איבערגיין פון די הענד פון דער פרוי, וועלכע טויג צו דעם גאר נישט אדער זעהר ווייניג, אין די הענד פון ספעציעל אויסגעבילדעטע ערציהער אדער ערציהערינען. די געזעלשאפט מוז איבערנעמען אויף זיך אויך די פפליכטען פון דער פרוי. די געוואונהייט און די אלטע אויסגעוועבטע פראזען זענען נאך אזוי שטארק, אז די מענשען האלטען זיך נאך פעסט ביי דער מיינונג, אז די ערציהונג פון די קינדער דארף זיין די אויפגאבע פון דער מוטער; אבער דאס לעבען מאכט אלע מאל מער און מער אונמעגליך אויסצופירען די דאזיגע אויפגאבע. אלענפאלס פערשפילט די ערציהונג פון דער פערענדערונג גאר נישט: אנשטאט דעם, וואס ביז איצט האט ביי איהר געהערשט דער בלינדער אינסטינקט, וועט זי יעצט זיין געגרינדעט אויף וויסענשאפטליכע יסודות.

* * *

עס איז דא נאך א צווייטע א פיל וויכטיגערע סבה, פאר וואס די ערציהונג פון די קינדער קען נישט זיין די הויפט אויפגאבע פון דער פרוי. ווער עס וויל ערציהען, דער מוז

פֿריהער אַליין זיין ערצויגען. עס איז גאַנץ איבעריג אָבצושטעלען זיך דאָ צו בעווייזען, ווי וועניג מיר קענען דאָס זאָגען וועגען דער היינטיגער פֿרוי. זייט הונדערטער יאָרען איז די פֿרוי פֿערקנעכטעט און פֿערשקלאַפֿט, שטענדיג אונטער־יאָכט. פֿון געבורט אָן האָט מען שטענדיג פֿערדריבען איהר גייסט און איהר קערפּער, און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס פֿון איהר איז געוואָרען אַ שלעכט און איינזייטיג ענטוויקעלטע בעשעפֿעניש. די מענער צווישען זיך האַלטען טאַקי איהר עד היום פֿאַר אַ נידריגערע בעשעפֿעניש צווישען די מענשען. און עס איז צו בעוואונדערען, אַז די דאָזיגע אונענטוויקעלטע בעשעפֿעניש, וועלכע מען דערמאַנט ביי יעדער געלעגענהייט, ווען זי פּרופֿט זיך דערשלאָגען צו אַ בעסערע, מענשליכע לאַגע, אַז זי איז נישט ראָוי דערצו. — אָט די דאָזיגע בעשעפֿעניש איז „אויסגעקליבען" פֿון דער נאַטור צו ערציהען קומענדיגע דורות! ווער וועט דען דערביי נישט פֿרעגען די אַלטע קשיא: „צו קען אַ בלינדער אַ בלינדען פֿירען"? די געגנער פֿון די פֿרויען־בעפֿרייאונג שרייבען גאַנצע ביכער צו בעווייזען, אַז זי איז אַ נידריגע בעשעפֿעניש, און פֿון דער אַנדערער זייט אַרט זיי נישט איבערצוגעבען, אָט דער דאָזיגער נידעריגער בעשעפֿעניש, די ערציהונג פֿון די קינדער, וועלכע איז איינע פֿון די וויכטיגסטע זאַכען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. נאָך מער, זיי געפֿינען נאָך פֿאַר מעגליך צו בעהויפּטען, אַז נאָר זי טויג צו דעם. אָט די דאָזיגע לאָגיק מאַכט זעהר וועניג עהרע דעם שכל פֿון די מענער.

מיר ווילען זיך איצט נישט אַריינלאָזען אין דעם, צו בעווייזען, ווי די בעדינגונגען פֿון לעבען, אין וועלכע די פֿרוי געפֿינט זיך זייט טויזענדער יאָרען, האָבען איהר געמאַכט פֿאַר נידריג און ווי די נייע בעדינגונגען פֿון לעבען מוזען דאָס אומענדערען. ביי היינטיגען טאָג מוזען מיר מסכּים זיין מיט דעם, אַז די פֿרוי איז טאַקי אין אמת'ן וועניגער ענטוויקעלט און דעריבער טויג זי טאַקי אויך נישט צו אַזאַ אַרבייט ווי ערצי־



הען קינדער. די ווערטער פֿון דעם דייטשען פּאָעט געטהע:

„די עלטערען וואָלטען געקענט האָבען ערצויגענע קינדער,
ווען די עלטערען וואָלטען זעלבסט געווען ערצויגען"

זענען דאָ אַקוראַט ווי צוגעפּאַסט.

קיין שום ווערט האָבען אויך נישט די בעקאַנטע רייד וועגען דער „רייכער אינערליכער וועלט" פֿון דער פֿרוי, וועגען דעם מאָראַלישען איינפֿלוס פֿון איהר ווייבליכער נאַטור, וועלכע ציט צו זיך צו און מאַכט אַלץ עדעל.

די פֿרוי קען נישט לערנען די קומענדיגע דורות דעם אידעאַל פֿון שענקייט, וואַרהייט און גוטסקייט, ווייל איהרע בעגריפֿען וועגען וויסענשאַפֿט, וואַרהייט, קונסט און מאָראַל געהערען נאָך צום גרעסטען טייל צו אַן'אַלטער אָבגעלעבטער צייט. און די בעגריפֿען וועגען קונסט, מאָראַל א. ז. וו. זענען דאָך נישט קיין אייביגע אידעען; אין זיי שפּיגעלט זיך דאָך אויך נאָר אָב די פֿערהעלטניסע פֿון דער געזעלשאַפֿט און זיי בייטען זיך צוזאַמען מיט די פֿערהעלטניסע. יעדעס פֿאָלק אין יעדער צייט האָט זיך איהר אייגענע מאָראַל, קונסט און וויסענשאַפֿט.

אין דער איצטיגער עפּאָכע שטורמט אַ שטאַרקער קאַמפֿף צווישען די אידעען פֿון דער אַלטער און נייער צייט. וואָס אַנבעלאַנגט די מאָראַלישע בעגריפֿען און ענטוויקלונג פֿון דער פֿרוי, געהער זי נאָך בכלל צו דער אַלטער אָבגעלעבטער צייט, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט די פּאַטריאַרכאַלע פֿאַמיליע מיט דער אונבעגרענעצטער הערשאַפֿט פֿון מאַן, דעריבער, ווייל מען האָט נישט דערלאָזען די פֿרוי זיך צו בעפֿרייען פֿון די בעגריפֿען פֿון די פֿערגאַנגענע יאָרהונדערטען, ווייל מען האָט איהר ענטוויקלונג געהאַלטען אין צוואַנג און ווייל מען האָט איהר נאָך נישט געגעבען דעם אָרט אין דער געזעלשאַפֿט, וועלכער געהערט איהר, און מען האָט איהר צוגעשמידט צום שטוב, אָט איבער דאָס אַלין פּאַסען טאַקי אויך נישט איהרע מאָראַלישע בעגריפֿען צו דער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט זיך

אין גאַנצען פֿערענדערט. די נײַע צושטענדע פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבען אַרויסגערופֿען נײַע בעציהונגען צווישען די מענשען און דערמיט אויך נײַע מאָראַלישע בעגריפֿען, וועלכע אונטערשײַדען זיך פֿון די אַלטע, אַזוי ווי עס אונטערשײַדען זיך די נײַע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען פֿון די אַלטע, אָבער דיזער ענטוויקלונגס־פּראָצעס הויבט זיך ערשט נאָך קוים אָן בײַ די פֿרויען. די פֿרוי איז נאָך זעהר אָבגעשטאַנען מיט איהר מאָראַלישע ענטוויקלונג פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿט. אויף דער בעסערער, פֿרײַער צוקונפֿט, אויף אַלץ, צו וואָס די פֿרוי דאַרף שטרעבען מיט איהר גאַנצער קראַפֿט, קוקט זי נאָך מיט די אויגען פֿון אַמאָליגע צײַטען.

ווי קען זי דען זײַן פֿעהיג צו ערציהען דעם קינד, וועלכער דאַרף ווערען אַ בירגער מיט רעכטען און פּפֿליכטען פֿאַר דעם איצטיגער און קומענדיגער צײַט, נישט פֿאַר דער פֿערגאַנגענער?

די אורזאַכע, וואָס די נײַסטיגע ענטוויקלונג פֿון דער גאַנצער מענשהײַט געהט נישט גיכער, ליגט אויך אין דעם, וואָס אַ גאַנצע העלפֿט מענשען זענען אַזוי אָבגעשטאַנען אין זײַער ענטוויקלונג. בכלל זעהט די פֿרוי נישט מער ווי דאָס, וואָס טוט זיך אונטער'ן נאָז, ד. ה. נאָר איהר פֿאַמיליע, זי האָט זיך איהר קלײנטשיגע פֿאַמיליען־מאָראַל, וועלכע איז אַ היפּך צו דער געזעלשאַפֿטליכער מאָראַל, וועלכע די נײַע בעדינגונגען שאַפֿען. אַלע איהרע זעהר בערימטע מעלות, איהר גוטסקײַט, איהר פֿעהיגקײַט זיך אָבצוזאָגען און צו אָפּפֿערן מיט זיך א. ז. וו. — ווײַזט זי אַרויס נאָר אין איהר ענגען פֿאַמיליען־לעבען, נאָר פֿאַר די, וועלכע זי לעבט, וועלכע זענען איהר נאָהענט. די פֿרוי, וועלכע איז פֿעהיג פֿאַר איהרע נאָהענטע מענשען אויף די גרעסטע אָפּפֿער, ווײַזט אָבער אַרויס אָפֿט געגען דער געזעלשאַפֿט דעם ערגסטען עגאָאיזם. און דאָס איז לײַכט צו פֿערשטעהן; שטענדיג ווײַט פֿון אַלגעמײַ־



נעם לעבען, נישט האָבענדיג קײן אינטערעס פֿאַר איהם און נישט נעמענדיג אין איהם קײן אַנטײל, האָט די פֿרוי אַנדערש נישט געקענט ווערען. ווי שטאַרק עס איז ענטוויקעלט בײַ דער פֿרוי די פֿאַמיליען־ליעבע, אַזוי שוואַך איז בײַ איהר די געזעלשאַפֿטליכע סאָלידאַריטעט. דער גרעסטער טײל פֿרויען ווײס אַפֿילו נישט, וואָס בעדײַטעט אײגענטליך דאָס וואָרט סאָלידאַריטעט, און דעריבער איז די פֿרוי אַזוי שלעכט, האַרט און אויך מוראָ'דיג בײז נעגען אַלץ, וואָס איז נאָר נישט שײַך צו איהרע פּערזענליכע אינטערעסען און די אינטערעסען פֿון איהר פֿאַמיליע. דאָס רײַכע מאָראַלישע אינערליכע לעבען פֿון דער פֿרוי איז אין אמת'ן אַזוי גרויס, אַז עס קען אַרײַן גאַנץ גערוים אין אַ פֿינגערהוט אָדער אין אַ קאָך־טאָפּ.

פֿון אַלע שיכטען פֿרויען זענען די נידריגע שיכטען מעהר מאָראַליש ענטוויקעלט אין דעם איצטיגען זינען פֿון וואָרט, ווי אַלע אַנדערע. זײ פֿערשטעהען און פֿילען בעסער די סאָלידאַריטעט און זײ אַרט מעהר ווי אַלעמען די אַלגעמײנע אינטערעסען. ערגער און מעהר אָבגעשטאַנען פֿון דער נײַער וועלט זענען, פֿערקערט, די קלײנבירגערליכע פֿרויען, זײ זענען פֿערגליווערט און פֿערשטײנערט געוואָרען אויף די אַלטע מאָראַל און די אַלטע מדות, וועלכע זענען שוין איצט אונמאָראַליש. די מאָראַל פֿון דער פֿרוי שטאַמט נאָך פֿון דער אַלטער צײַט. איהרע מעלות בעשטעהען אין דעם, וואָס זי טוט נישט קײן שלעכטעס. זי האַלט זיך פֿאַר זעהר מאָראַליש, ווען זי בעגנב'עט נישט וועמען עס איז, ווען זי נאַרט נישט אָב, הרג'ט נישט אָדער צינדט נישט אונטער, אָבער זי איז זעהר ווײַט צו טאָן גוטע מעשׂים, וועלכע זאָלען זײַן נוצליך פֿאַר דער גאַנצע געזעלשאַפֿט, אַפֿילו דאַן ווען דאָס קען גאָר נישט שאַדען די אינטערעסען פֿון איהר פֿאַמיליע. בכלל וועט זי בעסער אַלע מאָל אָפּפֿערן מיט די אינטערעסען פֿון דער געזעלשאַפֿט צוליעב די אינטערעסען

פֿון דער פֿאַמיליע. אָבצוגעבען זיך מיט די אינטערעסען פֿון כּלל דאָס האַלט זי גאָר פֿאַר איבעריג. אין צענטער פֿון פֿרויען־מאָראַל שטעהט די פֿאַמיליע. און וואָס מעהר דער מאַן גיט זיך איהר איבער, פֿערלאָזענדיג די אַלגעמיינע אינטערעסען, אַלץ מעהר שעצט זי איהם און אַלץ העכער איז ער אין איהרע אויגען.

אָט דערפֿון שטאַמט דאָס, וואָס דער פֿרוי אַרט גאָר נישט אָדער וואָס זי טרעט גאַנץ אָפֿט אַרויס פֿיינדליך געגען דעם, וואָס דער מאַן נעמט אַנ׳ אַנטהייל אין דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

ביי דער פֿרוי קומט אויס נאָך איהר שׂכל, אַז די פֿאַמיליע און די געזעלשאַפֿט זענען פֿיינד איינע מיט די אַנדערע, און דער מאַן, וועלכער אָפּפֿערט די אינטערעסען פֿון דער פֿאַמיליע צוליעב דעם טובת־הכּלל, צוליב דער געזעלשאַפֿט, איז פֿאַר איהר גאַנץ אָפֿט אַ מין פֿערברעכער אָדער אַ נאַר. די מיינונג איז לייכט צו ערקלערען, זי איז צוגעפּאַסט נישט נאָר צו דער מאָראַל פֿון דעם קליינעם וועלטעל, אין וועלכען די פֿרוי לעבט, נאָר אויך צו דער געזעלשאַפֿט, וועלכע איז געגרינדעט אויף די קליין־עגאָאיסטישע אינטערעסען פֿון דעם איינצעלנעם מענשען און נישט אויף דעם אַלגעמיינעם גליק. די מיינונג ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פֿרוי איז געבליבען צוגעבונדען צום הויז, אין דער צייט, ווען די עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען געפֿאָדערט, אַז זי זאָל אַרויסגעהן פֿון דעם ענגען פֿאַמיליען־קרייז צו דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. אַזוי ווי זי אינטערעסירט זיך פֿאַר די פֿאַרמיליע צוליעב איהר אייגענעם נוצען, אַזוי וועט זי זיך אויך מוזען אינטערעסירען פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, ווען דאָס לעבען וועט איהר בעווייזען, אַז די גאַנצע וועלט איז אויך איהר וועלט. די נייע סאָציאַלע לאַגע פֿון דער פֿרוי וועט אין גאַנצען אומבייטען איהר מיינונג וועגען איהרע רעכטע און פֿפֿליכטען, זי וועט



זיך אָבגעבען מיט דער געזעלשאַפֿט, ווי זי גיט זיך היינט אָב מיט דער פֿאַמיליע. די געזעלשאַפֿט וועט אַרויסשטופּען די פֿאַמיליע.

כּל זמן אָבער די פֿרוי בלייבט נאָך ביי איהרע אַלטע בעגריפֿען, כּל זמן איהרע געדאַנקען, איהרע געפֿילען פּאַסען ניט צו דעם איצטיגען לעבען, כּל זמן זי איז אַ רעאַקציאָנערער עלעמענט אין דער פֿאַמיליע און אין דער געזעלשאַפֿט, קען מען נישט אַרויסשטעלען די מוטער ווי די בעסטע ערציהערין פֿון די קינדער. די קינדער מוזען ענטוויקעלט ווערען פֿאַר דער צוקונפֿט, נישט פֿאַר דער פֿערגאַנגענהייט.

די ערציהער פֿון די קינדער מוזען אויך שטעהן אויף דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער נייער צייט און זיך האַלטען פֿאַר איהרע בעגריפֿען, שטרעבונגען און פֿאָדערונגען.

* *

מיר זענען אַלזאָ געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די איצטיגע פֿרוי קען נישט זיין די בעסטע, אויסגעקליבענע ערציהערין פֿאַר די קינדער. עס איז דעריבער נישט דאָ וואָס צו בעדויערען, וואָס איבער די איצטיגע בעדינגונגען הערט אויף די פֿרוי צו שפּילען די ראָלע פֿון אַ ערציהערין און וואָס די געזעלשאַפֿט נעמט דאָס איבער צו זיך; עס איז דעריבער אויך נישט דאָ קיין גרונד, צו פֿעריאָגען די פֿרוי פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, טענה׳נדיג, אַז דין ערציהונג פֿון די קינדער איז איהר נאַטירליכע פּראָפֿעסיאָן.

די געזעלשאַפֿט דאַרף זאָרגען צו ערהאַלטען די מוטער אין דער צייט ווען זי איז אין אמת׳ן די נאַטירלעכע ערציהערין פֿון קינד; אין דער צייט, ווען זי טראָגט און זויגט דאָס קינד. אויף דער שפּעטערער צייט דאַרף די געזעלשאַפֿט בעזאָרגען פֿאַר דעם קינד פֿערשידענע איינריכטונגען און אַנשטאַלטען, וועלכע זאָלען פֿערנעמען דעם אָרט פֿון דער מוטער אין ווייטעסטען זין פֿון דעם וואָרט.

מיר ווילען דערמיט נישט זאגען, אז מען זאל דער פרוי אין דער צוקונפט נישט דערלאזען ערציהען קינדער; פערקערט, מיר האבען אנגעוויזען, אז, ווי עס ווייזט אויס, איז טאקי די פרוי פעהיג צו שפילען א גרויסע ראלע שפעטער ביי דער ערציהונג פון קינדער, אבער נישט יעדע פרוי, נאר דערפאר וואס זי איז א „מוטער", נאר די פרוי, וועלכע האט בעזונדערע פעהיגקייטען און טויג דערצו, וועלכע איז ענטוויקעלט אין אלע פרטים און וועלכע האט זיך נאך ספעציעל צו דער דאזיגער ארבייט אויסגעבילדעט. ערשט ווען די פרוי וועט ווערען דורך די פרייע ענטוויקלונג גאר א גאנץ פרייער מענש אין דעם פרייען געזעלשאפטליכען לעבען, ווען זי וועט זיך אויפכאפען פון איהר שלאף און וועט פערשטעהן איהרע נייע רעכטען און פפליכטען, ערשט דאן, ווען זי וועט שטיין אזוי הויך, אז זי וועט מיט שטאלץ און זיכערהייט קענען זאגען: „איך מאך פון מיינע קינדער מענשען פאר דער צוקונפט נאך מיין געשטאלט נאך", ערשט דאן וועלען מיר קענען זאגען, אז די פרוי איז די אמת'ע ערציהערין פון די קינדער.

---

## IV.

## די אונטערשטע שורה.

לא'מיר קורץ צוזאמענעמען די הויפטפונקטען פון דעם, וואס מיר האבען ביז איצט געזאגט.

די פראדוקציאנס-בעדינגונגען האבען געמאכט א איבערקערעניש אין דער עקאנאמישער ראלע פון דער פרוי, זיי האבען געמאכט פאר איהר אונמעגליך צו זיין א בעל-הבית'טע אין הויז און אנ'ערציהערין אין דער פאמיליע.

די פראדוקציאנס-בעדינגונגען, צערשטערענדיג די אלטע ראלע פון דער פרוי אין דער פאמיליע, האבען אין דער זעל-



בער צייט בעשאפען א פונדאמענט פאר איהר נייע ראלע אין דער געזעלשאפט.

די נייע ראלע פון דער פרוי מאכט איהר עקאנאמיש אונאבהענגיג פון מאן און גיט דערמיט א טויטקלאפ דער פאליטישער און געזעלשאפטליכער הערשאפט פון דעם מאן איבער דער פרוי.

די פרוי, וועלכע האט זיך בעפרייט פון מאן, ווערט אבער אין דער איצטיגער געזעלשאפט אבהענגיג פון קאפיטאליסט, זי ווערט פון א הויז-שקלאפין א לוינ-שקלאפין.

די פראגע וועגען דער פאלקאמער בעפרייאונג פון דער פרוי איז סוף כל סוף א עקאנאמישע פראגע, זי איז ענג פערבונדען מיט דער ארבייטער-פראגע בכלל, און נאר צוזאמען מיט איהר קען זי פערענטפערט ווערען אין לעבען. די פרויענפראגע איז נאר א טייל פון דער ארבייטער-פראגע און ביידע וועלען אויפהערען צו עקזיסטירען נאר אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, וועלכע וועט בעפרייען די ארבייט פון קאפיטאל. די פרוי קען אלזא פאר איהר גאנצע בעפרייאונג עפעס ערווארטען נאר פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די נישט סאציאליסטישע פרויען-בעוועגונג קען ברענגען געוויסע נוצען די פרויען אין איינצעלנע פונקטען, אבער זי איז נישט אים שטאנד אין גאנצען אבצושאפען די פרויען-פראגע.

די אויפגאבע פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז צו נעמען אין איהרע הענד די פרויען-פראגע און זי פערענטפערען. דערצו מוז זי ארגאניזירען און ערציהען פאליטיש און עקאנאמיש יענע פרויען, וואס זייער טעטיגקייט האט זיך אם שטארקסטען אומגעביטען איבער די נייע פראדוקציאנס-בעדינגונגען: זי מוז ארגאניזירען די אינדוסטריע-ארבייטערינען.

די ארגאניזאציאן צוזאמען מיט דער פאליטישער און עקאנאמישער ערציהונג פון די אינדוסטריע-ארבייטערינען איז

ניט נאר דאס וויכטיגסטע מיטעל צו פערבעסערען די לאגע פון דער פרוי, נאר דאס וועט אויך פיל שנעלער און שטארקער מאכען דעם גאנג פון דער ארבייטער־בעוועגונג איבערהויפט, און דעריבער אויך אויף א סך דערנענטערען דעם מאמענט, ווען די איצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג וועט זיך ענדערען.

4286

די אדרעסע פון פערלאג „די וועלט":

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ", Вильна.